STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02863

BLOYMONTIK

Shloime Schwartz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
ל·מ·שטיין
שיקאגא

צייכענונגען פון טאָדרעס געלער

שלמה שווארץ

בלומאנטיק

פארלאג ל. מ. שטיין שיקאגע

COPYRIGHT, 1938, BY
SHLOIME SCHWARTZ, CHICAGO, ILLINOIS
PRINTED IN U. S. A.

SHLOIME SCHWARTZ: "BLOIMONTIK" • • •
"BLUE MONDAY" • • L. M. STEIN, PUBLISHER
CHICAGO, ILL. • • NINETEEN THIRTY-EIGHT.

די מערסטע לידער וואָס גייען אַריין אין דער זאַמ־
לונג, זענען געדרוקט געווען אין „אינזיך״ מיט
וועלכן דער אויטאָר אידענטיפיצירט זיך דיכטעריש.

ש. ש.

שווארצע

בלומאָנטיק

זונטיק זיפּצלט אויס
זיין יאָנטעוודיקייט.
מיין שאָכנס סאַקסאָפאָן
טקיע־טריע־שוואָרימט ניט מער.
נאָר שטערננאַכט,
אַ לעמפּערט ליליע אויף שוואַרצן סאַמעט־קלייד,
הענגט נאָך פול מיט צאַרטקייט —
רייצנדיק.
טריפט אין מיר דער כיילעוו פון אויס־יאָנטעוונאַכט
בלומאָנטיקדיק.
די גאַסנקערערס קערן אָפּ,
אומבאַרמהערציק אָפּ — אָפּ,
זונטיקס דראָשע־געשאַנקען.

10

באַגעגנט מיך וואָך מיט אילומינירטע שפּיציקע מויערן,
קאָלירפולע יאַלקעס,
סאַנטאַ־קלאָז טומל,
קורס־שטייגנדע רעקלאַמעס, רעקלאַמעס —
פראַנקלין־די־רוזוועלטיק.
וויקלען זיך אַרום מיר
טורעמשווערע פּראָבלעמען, פּראָבלעמען —
שטאָל ספּיראַליש.
וויגט זיך, וויגט זיך מיין בלומאַנטיק
סינקאָפּאַטיש.
ווייל איבער מיר הענגט דער הימל
שווערוואָך בלוי,
כאַלעמויעדיק־בלוי.

עווענין בלוי

מאַטעס דייטש

ערשט יונגע פּילגרימען,
נאַכט אומרוט אין די ביינער.
עס זינגען צייטווייליקע געטער פון כינעזערטום:
פון רייז,
פון גרייז,
פון גרוי־ווייס —
די אייביקע סטירע.
עס זינגט די האַלבע לעוואַנע,
דער סערפּ אין דיינע אויגן.

עס זינגט טומלקלאַנג פאַרפלאָנטערט און רעגלמעסיק,
די שטאָלענע מאַשין שפּילט אויס דעם שטויבנמאַרש,
ס׳טאַנצן געקרייציקטע ביינער.
און נאַכט וויברירט מיט אומרו.
נאָר דיין פּען שטעכט דעם טראַנסדרימל.
ווייַנט אַראָפּ די וואָכעדיקייט מאַטעמאַטיש שאַרף
פון דיר, עווענינ בלוי.

אונדז שלעפּט הין־און־קריק —
און דו בלייבסט אינגליש און אַלט;
דער דרייסטער זינגער,
דער אייביקער טרויער.

פ ר י י ר י ־ ז י ן

מיין טראָט, מיין גאַנג — מיט עקסטאַז.
הענגען טאָגטעגלאַכע געטער מיינע
אויף עשאַפּאָטן פון כּעשבּוינעס
און סאַכאַקל.
נאָר מיין פּען, שאַרפער אַקער
אין בויך פון צייט,
פון וואָרט,
רייסט אויף אין מיר בילד נאָך בילד — פּאַנאָראַמיש.

קלוג און מעלאַנכאָליש קריכט
אויף מיינע פּריש־אויסגעקלעפּטע ווענט
דער נאַקעטער האָר, דער ווינטער.

זיצט אויף מיינע שויבן אויסגעפוצטער פראָסט —
פון ווייטע אייזיקע האָריזאָנטן,
זיצט ווי אַ סענאַט־פּרעזידענט.
די אָפּגעקילטע פרייד
פון באַקאַרבטע איינזאַמע פּענימער,
אַקצענטירט רעבעלירנדיקן אַנזאַג
אונטער שטאָטישע בריקן.
ערשט היינט האָט באַרוועס לעבן
געקלאַפּט אין מיין טיר —
מיך דערמאָנט אין פּראַגער גוילעם
מיטנאַכט־בּליציק,
אַנטפּלעקנדיק.

13

וואַלגערט זיך אין שטאָטישן ראַכוועס,
אונטערבריקן־גאַס — אַ נאַקעטע.
דעם שטאָטישן קאָרסעט, די אייזנבאַן
אויף דראָטן צעהאַנגען,
די שטעקשיכלאַך, די שיפּלאַך קאָלירפּולע,
אויף יאַבאָשע געאַנקערט.
זיצן פּריירי־זין, דראָענדיקע שאָטנס,
בּיים ברעג פון מישיגן יאַם
און מאָלן אויף ריגלי־טריבּיונס פּריזמע מויערן
די אָפּגעקילטע פרייד
פון באַקאַרבטע איינזאַמע פּענימער
פּראָסטיק הייס,
פּראָסטיק רויט.
און אויף מיינע שויבן מאָלט דער מעלאַנכאָלישער ווינטער
באָרוועס לעבן, וואָס האָט ערשט היינט
געקלאַפּט אין מיין טיר.

שנייאיקע טראָנען

דורך די שמאָלע ווענעציע-שטאָכעטלאַך אויף מיינע פענצטער
רעדט דער פרימאָרגן צו מיר מיט וואָכיקע און פּראָסטיקע שאָען,
ווי שטענדיק מיט אימפּעט — מיט איינגעשפּאַרטע רייד,
ווי נעכטן מיט אַ רויטן בוקעט אין זיין האַנט — דער מאָרגנשטערן.
שפּיגלט זיך אויפסניי מיין שלעפעריק אויג אין בליאַסק פון טאָג
קושנדיק די פאַרפלאָמטע נאַכט:
אַדיאָס, אַדיאָס, אַדיאָס.

געמיינט —
עס וועט שוין היינט מיין טאָג פרישטיקן מיט גראָשיקע נייס.
אַז דער שוואַרצער קעלנער וועט מעסערדיק דערלאַנגען זיין גוטמאָרגן
מיט געשולטער גאַלאַנטקייט,
און בייטשן מיין ביסל רייכקייט, מיין פרייען אויסקוק.
נאָר זיין שמייכל איז היינט ווייס און פריי ווי דער שניי אויף מיין קאָפּ.
און אין מיר מיין געזאַנג איז גאָר אַריזאָנעדיק-ווילד!
גאַנץ פריי,
האָט דאָס כיטרע ציטונגס-יאַטל צווישן ווינט און שניי אויפן ראָג,
אויסגעשפּילט זיין פּלאָמפּראָנטיקן „אינטערנאַציאָנאַל״ —
טראַג איך, ווי דו, אָקטאָבעריש מיין פּראָסטיקן פעברואַר.

דער פראָסט זיצט ווי בודאַ אויף מיינע שויבן.
די זון שמייכלדיק און פלינק גליטשט זיך אויף אייזיקע גאַסן
אין געוועט מיט מיר.
דער ראַדיאָ
ציילט די וויכערדיקע שאָען און וואָרנט פאַר דער קעלט—גאָרניט מענעריש.
נאָר דער טאָג פירט מיך ווידער צום ברעג פון געפאַרן,
שוואַרצט מיין ווייסן טאָג מיט סקאַטסבאָראָ שרעק.
און מאָגערער ווערט מיין פרימאָרגן און ביינערדיק נאָגט די שטראָף,
ווען דער ווינט קאַמט כניפּעדיק די אומפאַרשנייטע גאַסן,
ווי די פרימאָרגנצייטונג דעם פליך פון די צוועלף יענקי אַפּאָסטאָלן.

מיין לעבן איז אינמיטן שטורם כאָטש אַ רעקרוט.
ווי אַזוי קען איך פאַרשטילן און פאַרשילטן מיין אייגן האַרץ?
די הונגער־וועלט שפּילט מיט קאַלטע פינגער אויף מיין רוקנביין.
און מאָצאַרט שטומט אין מיין ווינקל פאַרזאָרגט.
דאָך איז מיין שוואַרץ־כיינעוודיקע פאַרליבט אין זיין צאַרטן פּראָפיל —
און קעפּט אַקשאָנעסדיק, ניט אָפּצודינגען,
זיינע שטרענגע וועלטלאַכע סטראָפן.

16

ווידער

ווידער רעדט די ביקס מיט סינע מיספערדיק און אומראַכמאַנעסדיק.
דער גאַנצער שטויב פון אויפגעריסענע בערג און פעלד געפלט איבער מיר.
בינדט מיין זומערדיקייט.
ס׳ליגט די גאָרע ערד איצט אין בלוט — אַ צעשוידערטע.
דער פולס פון אייגן בלוט קלאַפּט פאַר מיינע אויגן.
און אין פאַרק, אויף דער נאַסער באַנק, ליגט זומערוועלט אַ פאַרווייִנטע.

אָ, טרויעריק ביז גאָר איז די שוואַרצע כמאַרע אויפן הימל.
דער טאָג פאַרלאָרן און כמורנע,
ווי דער פאַרשיקטער סאָלדאַט אין אַ נאַכט־קאַפּיי אָן אַ באַגלייטערן,
זופט טראָפּנסווייז דעם רעגן פאַרקלערט, פאַרטראַכט.
איצט זוך איך מיטאַמאָל מוסער און שטראָפרייד פון מיין אייגענעם לעבן,
דער בייזער גרוס וויקלט זיך אַרום מיר.
די קאַרניוואַלישע לעמפלאַך אויף מיין גאַס הייִנט —
רויטלאַך און קראַנק.

די פענצטער דערשראָקענע פאַרנעמען דעם מאָטאָר־גערויש.

דיר איז באַשערט מיט זיג און קאָרבן אַנטקעגן דעם היינט.
כאָטש דער פויק און קויל בלייט פאָרויס מיט מענטשן שפּליטער,
און בלוט שפּריצט און פאַרבט די בלייכע פּאַנען.
מיט וויפל בענקשאַפט די קליינע שאָטנס אויף בלוט־באַפלעקטע גראָז,
אין פייערדיקן טאַנץ?
איצט סאָרטיר איך דורך דער גאַנצער וואָלקנדיקער לענג פון טאָג
דיין גורל,
די גרויסע שאָ.
די טרעפּ צום פלי־פאָרויס פירט צו אייביקייט
מיט שטראַלן און מיט שפּינגעוועב.

היינט איז מיין כאָלעם אויסגעצערט, ווי מיין טאַטנס פּאַנעם.

פּאַרבלוטיקטער שירעם

קופּערנער טרומייט האָט גוטאָוונטיק פֿאַרנייגט זיין קאָפּ
צו מיין געפֿליגלטן פֿערד,
זיך צעוויינט.
געשאָנקען אים אַ געדעכעניש פֿון מיינע אַכט און צוואַנציק יאָר.
שטיל און קלוג ליגט טויט אויף מיינע ברעמען.
ס׳איז דער גאַנצער הימל היינט אַ פֿאַרבלוטיקטער שירעם.

די זון, אַ טראָפּיש מיידל,
טאַנצט מיט הייסן שיגאָען אויף עטיאָפּישע שליאַכן,
צעשמעלצט מיין געהאַרטן נעס אין שטראָמען בליי.
אויף דער וועלטס שויבן שווערער אָטעם פֿון דזשאָנגל־ברוסט.
נאָר אין מיין שטאָט
פֿאַרבט ווינטער אָפּגעמאַרעטע שאָען אין פֿרישן שניי —
צעשראָקענע טויבן צווישן ווינט און פֿלאַם.

ווינט דראַפּירט מיין ווינטערנאַכט מיט שנייאיקע גאַסן.
ביים ווינקל פֿון אַ כמאַרע ווינקט אַ יונגע לעוואָנע
מיט בלוטיקע נעגל.
איך פֿיר היינט מיין גאָט אַ געבונדענעם פֿאַר זיין פֿאַראַטענער ערד,
און ער שטומט ווי אַ פֿאַרשפּעטיקטער זומער־פֿויגל
אויף אַ קופּע שניי אין פּאַרק.

נישט אַרויסצודרייען זיך פֿון אונטער דעם שטעכיקן שירעם.
מילכאָמע — מילכאָמע, די בלוטיקע נעגל ווינקען, היפּנאָטיזירן.
מיינע אַכט און צוואַנציק יאָר אַנטלויפֿן —
פֿלוכנדיקע דעזערטירן.

כוואַליעס

„דערווינט איז האַסטיק דורכגעלאָפן,
אַרויסגעכאַפּט דאָס קינד פון מאַמעס הענט
און איז אויף די
כוואַליעס נעלם געוואָרן".
(„נייעס")

א

דער טאָג איז ווידער אויפגעגאַנגען זאָרגעוודיק און גרויזאַם.
שווימט צווישן שמאָלע געסלאַך און נאָטירט האַסטיק
די נעבעכדיקייט,
די איבערלעבונג.
דער פינאַנץ־צענטער ליגט ווי אַ קראָקאָדיל אויף די העכסטע טרעפּ —
אומבאַהאָלפן, האַכנאָעדיק, כאָטש מיט שטאָל באַפּאַנצערט.
נאָר דער טעלעגראַף אַלאַרמירט מיט קלאַפּנדיקע ציין!
די מעטראָפּאָליע טרינקט זיך און ראַנגלט זיך מיט שטורם.
אויף די סקווערישע פּלייצעס אורוועלטיקט דער יאַם.
די ווענט פון דעם גאַנצן אַרום זענען אָנגעטרונקען מיט טויט, מיט טויט.

די טרעוואָגע סיגנאַלירט דורך דער טונקלקייט.
און וויסטקייט גלאַנצט מיט קאַלט־נאַקעטקייט אומהיימלאַך.
געבליבן איז בלויז דער ניט־פאַרשריבענער שפּרוך פון נאָכאַלעמען —
דער קרעכץ.
די אָפּגעשיילטקייט איצטיקט מיט וואָר און גאַסיקייט
און טרעפט מיך אין הויז — מיט פאַראיבל.
ווער מיטאַמאָל אַ געוואָגטער מאַטראָז און שיף זיך אימפּולסיוו אַריבער
דער יאַמיקער שטאָט
אָט ווי נויאַך דער מאַרינער פון ביבל.
איזאָלירטע הייזקעס, ווי איבערגעקערטע לאָדקעס נויטיקן זיך ניט מער
אין וועסלעס —
אין באַלעבאָטים.
און אין צעווירעטע גאַסן שווימען אַרום שטומע מאַרטירער —
פאַרוואָגלטע שאָף.
עס רוט די האַק היינט אין שעכט־הייזער.

ב

עפּשער איז דאָס גאָר אַ מעסלעסיקער מיטאָס ?
מיין פראַגע בלייבט הענגען אויף די שפּיץ האָר פון שטאַרבנדיקן בוים.
לעשט אויס מיין לאַמטערן אינמיטן דער נאַכט
און כאָלעם וויל מיך ניט פאַרוויגן, וויל ניט פאַרוויגן.
די ניטגעדולדיקייט מאַטערט, נאָגלט מיט שלאָפלאָזיקייט,
און נאַכט קאָנוואולסירט איבער מיין בעט.
נאָר מיין אויג פאַרטשעפּעט זיך אין שפּיגל קעגנאיבער —
איך זע זיך ניט גרינג נאָר שווער אויף ווינטיקע דעכער.
אַ קאָרבן פון שטאַרבנדיקן סאָף־ווינטער אויפן פלאַך פון טייך.
די קופּערנע כאָכמע זשאַווערט, און לאָגיק שווייגט ווי אַ פיש.

כ׳האָב, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געשראָקן זיך פאַר עדגאַר פּאָוס ראָב.
נאָר אַצינד נאַכטיקער קלעם שנאָבלט, שרעקט.
ווילן דורכאויס באַווייגען און באַוואָרענען דאָס אינגל אין מיר.
די רעגנטראָפּנס
און איך טראַכט:
עפּשער גאָר וועלן פויגלדיק אַריבערכאָלעמען די וואָסערדיקע נאַכט?
ניט זען די הוילקייט,
די ווינטיקע נאַקעטקייט,
דעם אַפּריל־פּאָנים פון מיין וועלט — פאַרווייגט.
נאָר מיט מיליאָנען פויסטן אויסזעצן יעדן שטערנפּענצטערל אין הימל
און בראַנדיק אויסשרייען:
דו, אויבן —
האָסט אויפסניי אָפּגעוואַשן דאָס ביסל פרייד פון די טונקעלע שוועלן.
כאָלעם גרינעם סאַרווירט צו די אימפּעטדיקע כוואַליעס.
דאָך גאָדלסט זיך אַלץ מיט דיין פאַרטאַיער — טויט!
און אויף דער ערד, אָט זע,
יעדער פון אונדז טראָגט דעם רעגנבויגן אויף זיין פינצטערן קאָנטינענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳ליגט פעלד יעצט אַ צעטומלטס, מיט אומגליק.
די לעוואָנע איז היינט קאַאינס צייכן אויף דיין הימלישן שטערן.
די לעגענדע פון אַ יונג לעבן שפּיגלט זיך רויט אין צעגאָסענע טייכן.

שוואַרצע ווייזערס

קויטיקע נעגער־קינדער טאַנצן שלעפעריק
זייער דזשיג־טאַנץ.
האָפּ־האָפּ — מיד.
נאַכט שלייפט זיך אַרום טאָגס האַלדז.
טאָג פאַרגייט.
ערעוונאַכטיקע שאָען אויף ברודיקן אַספאַלט.
טאָג ליגט מיט פאַראַדנע ליכט צופוסנס.

דער געקרייציקטער טאָג ליגט שוין אויף מיין בעט.
נאָענט צו מיר פאַרטרוילאַכע שאָען
וויקלען זיך אין ביינערדיקן באַגינען.
די געלבלאַכע אויגן פון אויטאָס
דראַפּען זיך שיגאָעדיק אויף זיגזאַגישע בולוואַרן
הו—ה הו—הו—שנעל,
הו—הו—הו—בייז.
מעטאַלענע שנאָבלען צערייסן מיין רעגע־כאָלעם.

צעפליקט ליכט אויף טליענדע ראָגן.
איך לאָז אַראָפּ מיינע שטאַרן,
וויל קלוימערשט אויפקלייבן צעריסענעם רעגע-כאָלעם.

נאָר שפּעטע שאָ הויקערט מיט טויט,
מיט בלוט־פּאַרקילטע סוואַסטיקאַס.
בלוט־נאַסע וועגט פון אינקוויזיציע־קאַמערן
אָט פון יענער זייט, נאָענט אַזוי נאָענט —
(עראָפּלאַן־פּלי.)
פּירווינקלדיקער גרויל ברענט דורך מיין מויאַכוואַנט.
איצט האָב איך אָנגעטאַפּט, דערשפּירט די שאָטנס
פון דער קיינמאָל־געענדיקטער לעגענדע.

כ׳שרעק זיך נישט פאַרן טויט.
דאָס לעבן האָט נאָך ווינציק געליבט מיין יונגשאַפט.
געקאַטעוועטע אומרו אין מיין ביט־אַרישע אויגן.
צעטומלט פון פּיבער בלאָנדזשעט דעם יידעס כאָכמע
איבער מיין העמד, וואָס האָט שוין אַ געלע לאַטע.
(זיין סענקעוואַטער שטעקן רוט אין מיין ווינקל.)
אויף זיין אַמאָליקן זיבניעריקן ליבלינג
רעגנט אויפּסניי מיט סאַמבאַטיען־כוואַליעס.
דער ליבלינג גיבערט זיך קינדעריש
און וויגט זיין אומרו צירקמעסיק אויף אַ טראַפּעציע פון:
אַמאָל, אַמאָל . . .

נישט טויט, נישט טויט,
נאָר די צוויי שוואַרצע וויזערס אויפן ציפערבלאַט פון מיין דאָר.
די צירקישע מעפּיסטאָ־וואָנצעס
פון מיין יאָרהונדערט
שטערן מיין רעגע־כאָלעם.
דאָס לעבן האָט נאָך צו־ווינציק געליבט מיין יונגשאַפט.

דרעמלענדיקע פינגער

דוירעסדיקער אַנסאַמבל זינגט אין מיין בלוט.
מוטער ראַכלס רייך פאַרבט דיינע ליפּן
אידיש־שוואַרצאויגיקע דו.
(כאַטש דיינע האָר זענען פּלאַטין)
און אין מיר
ווינטיקט די פּוסטקייט פון שטרויענעביידלאַך.
די זיידעס,
היציק־שלאַנקע וועט־פערדלאַך
אין שטראַלנדיקן גאַלאָפּ
לענג אויס,
ברייט אויס
דורך שייטער־פייערדיקע דעטורן,
אָנגעזאָטלטע מיט מאַזלדיקע שטערן.
און דו, שוואַרצאויגיקע,
בלאָנדע סאַרווערקע מיינע,
פאַרנעמסט מיין עמפּירישן רום, רום, רום,
די ערנסטקייט וואָס פילטרירט דורך מיין בליק.
שפּיגלסט זיך אין מיין שטערן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן,
און פרעמד איז דיר, מיין פאַטאַלער מעדאַל,
דער דוירעסדיקער צייכן — קאָמעץ!
(פאַר דיר אומפאַרשטענדלאַכע אַלגעברע.)
שטאָלצירסט מיט מיין אָרנאַמענטישער קאָמבינאַציע,
וואָס ווינקט אַראָפּ שיילאָקמעסיק — קאָמערץ!

צעקלינגט זיך סוידעסדיק־ברוטאַל
מיין שטיק זילבער אויף דיין טיש.
מאַניפולירסט מיט דיינע רויטנעגלדיקע פינגער —
אָקטאפּיש.
כאָטש מיט זייער בלאַסקייט דערמאָנען זיי
די דרעמלענדיקע פינגער
פון אונזער פּאַטריאַרכאַלישע אור־אור שטאַמען,
וואָס פלעגן שיקן היסלאַוועסדיקע ראַדיאָגראַמעס צו דער הימלישער
סטאַנציע:
בים־באם,
בים־באם,
די שטענדיקע, ראַדיאַאירטע שרעקעדיקע רעגונגען:
בים־באם,
בים־באַם.

מוטער־ראַכלס רייץ כיינט אויף דיינע ליפּן.
אידיש־שוואַרץ־אויגיקע סאַרווערקע דו.
דיין סאַד איז פּוסט, פּוסט,
ווי די קעשענעס פון אַ זעלבסטמערדער.
מאַרס, סאַטורן און יופּיטער
ווינקען סיוויי צו דיר דעם פייערדיקן אַלעף־בייס —
צעטיילטע ליכט און שאָטן
דורך טראַדיציאָנעלן טורעם.
אין מיר און אין דיר זינגט געפּענטעט געוויין:
(גערשווינס ראַפּסאָדי אין בליו)
אָדלער־לופטיקער, פיבער־אימפּעטיקער
בים־באם,
בים־באם,
באם.

מיין זיידע

א

דער טאָג אַ פאַררויכערטער, גאָרניט יאָנטעוודיק
רעדט מיט קאַלט געשליפענעם אייזן.
די געטאָ פון מיין שטאָט אָפגעטיילט
און אויסגעפוצט
טרייסלט זיך אין ווייסן.
ניט אַנדערש:
מיין זיידע וויל יעגעריש פאַנגען דעם סאָף.
פירט מיך ווי אין שלאָף
איבער שטיקער און שטיקלאַך —
אויף זיין נעגל בריק.

האַרט איז די גרויקייט פון געטאָ־טרויער.
דער ווינט שלאָפט אויף נאַקעטע בוימער.
דער אָוונט, אַן אויסגעבענקטער טרוימער
צוגעשמידט אויף ריזיקע שאָטנס,
הענגט מיט לויער,
אויף מויער,
און טויער.

מיין זיידע ווייסט דעם קנופּ פון וויי.
דער שניי איז נאָך ווייט, ווייט.
נאָר יאָנטעוו פרירט אַראָפּ פון זיין ווייסער באָרד.
און איך, איינגעפלאַנצט אין נאַכט
פאַרקניפּ זיך אין לעוואָנעדיקע פליגלען —
איך פלי אַרויס פון מיין באַהעלטעניש.

ב

ס׳איז דער וועג דורך פלאַמיקע ריטלאַך.
מיין פּאַלע אַ ברענענדיק פליגל.
די שטערן, צעפלעמלטע אויסיעס,
דער הימל מיין אייביקער שפּיגל.

אַ געזאַנג פלאַטערט בלאָס דורך די הייליקע שויבן.
איך וויל גלויבן
אַז איך לייטער זיך אין אַנגעצונדענעם בליץ.
אַראָפּגעפאַלענע בלעטלאַך צוגענאָגלט צו מיינע טריט —
פיבערדיקער קריץ אין טויטן קנופּ. איינס און קיינמאָל.
אַראָפּוואַרפן פון זיך אַלץ וואָס איז מיד.
צווישן הימל און ערד מיין בלענדיקע וואָגשאָל.

ס׳מאָנט די שוואַרצע ערד מיין זיידנס סכאַר.
דער סאָפּיקער אומקום פאַרקאָפּטשעט אין גאָלדענעם פּאַרק.
מיין זיידע זאָגט:
אַז ס׳איז לייכטער צו טראָגן די האַרבסטיקע טעג אויפן קאַרק
ווי די אַשיקע גרינגקייט פון קוואַרים.

איך גיי, מיין זיידע גייט.
מיין זיידנס הענט —
אַ זייל רעכטס, אַ זייל לינקס, קעגן פלאַמען.
די נאַכט פאַרקניפּט שוואַרצע שטריק אַרום דער געטאָ־גאַס.
נאָר מיינע צען פינגער ווי יאָנטעוו־ליכט
מיט העלדישקייט צוזאַמען.
דער גאַנג אַ טויזנטגעשטאַלטיקער, פאַרברידערט.
נערווןַ־נאָענט.

ג

צווישן מיליאָנען אָט זע איך אים ווידער
מיט שטיקער ניסים אין יעדן שפּריז.
(די אָטאָס אַרום אים, קעלבלעך אין געווייַן).
נאָר די גאַס צעצונדן איז קאַלט און בייז.
מיין זיידע פלעכט בריקן פון אַלע זייטן.

אָקטאָבער וואַרפט צעקנייטשטע בלעטלאַך
ווי פאַרשפּילטע קאָרטן אין זיידנס פּאָנעם.
דאָס פעלד מיט באָרוועסע טריט באַגלייט דעם אַלטן.
ווייס זיין בוים,
זיין צווייג,
זיין שטיין דעם האַרטן.
פון ווייטער ווייט די טרייסט אין פולן וואַרטן
מאָנט אַ נעס — אַ טאָג נאָך אַ טאָג.
די לופט איז צעריסן מיט אָפענע וואונדן.
נאָר מיין זיידע גייט און גייט און גלעט די פלאַמען
פון אָקטאָבער —
זיינע געזאַנגען אויף צווייגן צעהאַנגען.

זינגט דער פלאַמיקער האַרבסט פון גאָלדענעם פּאַרק
אַראָפּ,
אַראָפּ.
מאָדנע —
זיידנס זומערדיקע טעג, מילדע לעמער אויפן באַרג
פון פאַרגיין,
קאָפּ אויף
קאָפּ.
ס'איז ניט צו פאַרשטיין. ער וויל ניט פאַרגיין.
צווישן מיליאָנען און מיליאָנען
אָט זע איך אים ווידער.

יענקי זונטיקט

אויפֿן דעק פֿון מיין טאָג
אַ וואַלדפֿייער פֿלאַמט און וואָלקנט.
אויף די שויבן בלייכט אַ הייליקייט.
קרישלט מיט פֿאַרוואָסן.
נאַכט איז פֿאַרשעמט און צערודערט.
דער טרויער, אַן אַלטער כאָסן,
שיוועט מיט באַדויער, מיט ראַכמאָנעס.
יענקי זונטיקט מיט אַ ציילאָם שאָטן
איבער צעטראָטענע קעפּ.

דער געקרייציקטער פֿלעמלט אין אַ פֿאַרטרויילאַכע שאָ.
דער בוים וויקלט זיך מיט נאַכט.
נישטאָ.
דאָ, דאָ איז קיינמאָל נישטאָ.
נאָר דאָס אויג, אַן אויסגעלאָשענער שטערן
מיט ביילעוונער קאַלטקייט.
יענקי טראָגט דעם מעס אויף די שפּיצפֿינגער פֿון נאַכט
איבער אַכט און פֿערציק שטערן.

30

צעסמאַליעטע, באַוולנע יאָרן.
ווי אַן איקאָנע אַרויסגעפאַלן פון אַ ראַם —
אַ סנע פון צוואַנציק־יאָרהונדערט
צעביינערט,
צעפלאַמט,
צעשמאָלצן.
פֿאַרשנירלט מיין שלאָף מיט צעשטערטע ניסים.
און די לעוואָנע —
אַ באַנדאַזש אויפן טאָגס קאָפּ.
וואו איז ערגעץ דזשעפערסאָנס פידל ?

ס׳רעדט די נאַכט צו מיר
אין אַ פיינלאַכן טרויער
ווי אייב לינקאָלנס פּאָנעם.

סאַמבאָ רעדט

. . . דער מאַרש פון אַלע זידלאַכע בערג
איבער אונדזערע פּלייצעס.
יאָרנלאַנג אַ געשטאַרקטער שמייכל.
ניט קיינער ווי איך שפּיר דעם פּלעק אַזוי טיף —
שקלאַף.
מיסיסיפּיס ראַכוועס אַטעמט מיט שווייס.
אונדז איז אויך באַשערט די הייליקע גאָב —
דאָס לעבן.
אַזוי האָט גערעדט אונדזער כאַלעם — לינקאָלן.
האַלעלויאַ.

אַ יאָ, מיסיסיפּי ?
אין דיר
דזשעמינאַס טרויער.

מיט וויפל טרערן
דאַרפן מיר אָפּוואַשן אונדזער שוואַרצקייט.
בלייבן פאַר דער דיקער שויב־וועלט
הויל־ריינע,
נאַקעטע.
ווי אָפּט צאָלן מיר מיט אַלע שאָלאַכצן
פון אונדזער לייב.
אַ יאָ, מיסיסיפּי ?
דו טראָגסט אין זיך אונדזער שאָטן
אַזוי רואיק און פויל.
און גאָט איז ניט נאָכגיביק,
און גאָט איז אומגערעכט.
און ווי דער שעפּס און וואָלף,
גאָט אויך קען ניט פאַרטייטשן
דאָס וואָרט אויפן קליינעם שילד —
Liberty.

סאַמבאָ זינגט

זיבן זין, גראָזשפּרינגערס פון מיין גאָרטן.
ניט דאָ,
ניט דאָרטן.
לאָרדי, לאָרדי,
איז איך פריי, איז איך בלוי?
מיין פעלד איז מיר ניט געראָטן.

זיבן זין, שוואַרצע קוימענס פון מיין שייער.
ניט מיט רויך,
אוי, אין פייער.
לאָרדי, לאָרדי,
איז איך ווילד, איז דו מילד?
מיין וואַלד איז ווערט אַ דרייער.

זיבן זין, וואָרגנעס אין אַ רעגן.
ניט געפלויגן,
נאָר געבויגן.
לאָרדי, לאָרדי,
איז איך פריילאַך, איז איך מיילאַך?
ס׳ווינט נאַכט מיט פערצן אויגן.

סאַמבאָס וויזיע

פאַרלאָרן די שוואַרצע פליגלען.
שפרייז איך צום הימל אויף זיבן לייטערס.
אַרום מיר די זילבערנע ווינטן
שווינדלען מיט שניי.

שאַל, שאַל, גאַבריעלס שויפער,
שאַל!
פאַרטרייב דעם שטאָל־בלויען אומעט
וואָס ליגט פאַראַנקערט אין מיין ברוסט.

דער וועג איז נאָך ווייט צו די פערלמוטערנע טויערן?
צי קען מען טאַנצן אויף נאַסע דעכער?
דער רעגן אויף מיר ווי זילבערנע קוואָדערס.
נאָר איך טראָג צו מיין גרויסן מאָלצייט
דאָס אייביקע מייסעלע.
זאָג וואָס דו ווילסט — מיין צעקאַטעוועטער דרים.

שאַל, שאַל, גאַבריעלס שופער,
שאַל!
איך גיי צו אַ צירקוס.
נעשאַמעלאַנד.
און די טרעפּ פון סעלאָפּין.
דאַרף זיך ניט צעהיצן.
ברודער, פאַרגיב, כ׳איל זיך צו.

נאַר וואו איז די זון?

די זון ליגט פאַרשעמט אין גאָטס קעשענע
געפינט ניט קיין וואַרעמען ענטפער פאַר מיר.
העללאָ!
העללאָ!
איך בין דאָך ניט אַליין.
ניין.
אָט גריסט מיך אַלטער אָדאָם מיט דוירעסדיקער פריינטשאַפט.
(כאַווע איז פעט און פאַרנומען).
ער איז ווי איך
יונג מיט אַלטקייט,
עלנט
און
איינזאַם.

סאַמבאָס גרויווייל

נישט אַלץ איז אַזוי פּאָשעט.
דער, דאָרט אויבן
האָט זיין עמער ווייסקייט צעגאָסן
איבער פעלד און וועלט,
אַ גלייכגילט אין מיינע שויבן.

זומער איז איצט אַ לעגענדע — מיין פריינט.
אַ ווייסער ראַק גריזשעט פעלד און וועלט
ניט צום ערשטן
און לעצטן מאָל.
און איך אין דער זאַווערוכע
פון מיין אייגענעם קנוילִיקן גרויל
קלאַפּ אין די פענצטער פון אַ פאַרגאַנגענעם כאָלעם —
סיי ווי איז מיין טאָג צעריסן.

רייט איך אויף די ראַנדן פון ווינט
איך, שטענדיקער בירגער
פון אייז־קאַלטן גרויוויל.
גאַנצע פאַסן פון מיינע צאַפּלדיקע טעג
אויף גלאַנציקע פענדערס.
נאָר איך בין זיך מוידע — איך ווער ניט ניספּאָעל
פון מיין קלוגן טרויער.
דער מויער מיט גלימערדיקע אויגן באַגלייט מיך
אָן צערעמאָניעס.
ווייסט דאָס רעטעניש פון מיינע טעגלאַכע ציפערן.

נישט אַלץ איז אַזוי פּאַשעט.
דער אייז־גלאַנציקער שפּיגל
מאָלט מיר אויס דעם פּאַרוואָס פון מיין געמיט.
די נאַכט שענקט מיר אַ האַלבן פּאָמעראַנץ,
אַ מיטכוידעש לעוואָנע,
גאָר ניט פרעמד,
נאַכט איז היינט ווייס,
ריין
און ניט זינדיק.

סאַמבאַס העספּעד

דער זומער איז פֿאַרגאַנגען.
דאָס טייכל איז פֿאַרפֿרוירן.
די וועלט די נאַרישע,
וויל זיך קלוימערשט ספּראַווען מיט בייזע ווינטן.
לאָרדי נאַכטוואַנדלט איבער אויסגעלאָשענע גאַסן
און קושט אַלע גאַסנמיידלאַך.

דער יאַם.
ער גלעט ניט מער דיין מיידלשקייט.
דיינע הענט, פֿאַרשטילטע מאַנדאָלינען,
וויינען אַראָפּ פֿון יעדן בוים.
שוין צוויי מעסלעס פּראַקטיקט זיין זיג
אויף מיינע אויגן.
העכער פֿון מיין טרויער איז די קאַלטע לעוואָנע
וואָס זוכט אַ וואַרעמפּלאַץ אונטער לאָרדיס בויך.

די צייט.
זי ווערט נאָכגיביק און הוסט מיט וואונד
און בראַנד.
סאָ לאָנג, דיר, טרער.
דער טרוים איז אייביק יונג און אייביק פּלאַם.
דער פֿרילינג וועט קומען.
און דו,
ניט מער.

בלויע בריוו

א

. . . דיינע בריוו, לוסי, לאַנגזאַמער ווי אַ רעגן.
פון דיינע שורעס דער ווײַ און סאָד
פון צעאַקערט פעלד.
מעקלעלאַן שפּאַסט פון מיין פאַרקלערטקייט.
און זי, די סטענאָ,
האָט ווידער אַרויסגעקייט קינאָ־פּלינק:
בראָנז טראָגט אין זיך אַ גרין קראַנקהייט
אזיי דו, ספּאַרטי,
אַ בלויבענקשאַפט קנויליק אין זיך.

גרעטאַ־שטיל איז די נאַכט.
מיין איינזאַמער שאָטן אויף די ווענט,
אַ פאַרבלאָנדזשעטער יעגער אין טומאַן.
דער רוף פון אָטאָ-האָרן ברענגט מיך נאָענט
צום יאַגד־פּלי פון מאָרגן.
דערווייל שוין אויסגעטאַנצט דעם ברי פון נייגער.
איך שמעק די פענימער, די וואַרעמע פאַרלאַנגען
פון די מידע מיידלאַך אין קרייז אַרום.
די פּיאַנאָ איז פול מיט שטויב און אַלטקייט
און וויל ניט בלייבן שטום.
די אומשטערבלאַכע נאָטן רייסן זיך צו מיר
ווי מיינע בריוו צו דיר.
און זי, די סטענאָ, האָט ווידער אַרויסגעקייט:
דו הענגסט אויף איר האַלדז
ווי אַ נעגער אויף אַ בוים.

ב

. . . דו שרייבסט:
די פריירי ליגט נאַקעט.
צאַפּלדיק איז די מאָנונג נאָך דיר.
כ׳בין אַ זינדיקער, לוסי.
אַ בלייענע אַליינקייט בלויט אין מיר
אַזוי נאָכאַנאַנד,
אַזוי טיף.
שטאָט איז איצטער לויטער סוידעס
אָן דיר.

אָט רייט איך צו דיר
אויף די הערנער פון וואָר, לוסי.
איך דאָ,
דו דאָרט.
(מעקלעלאָן שפּאַסט: אין צווייען איז גרינגער
און ביליקער.)
דער טעלעפאָן צעקניפּלט די ווייטקייט.
שוין אַזוי לאַנג ניט גערעדט צו דיר.
העללאָ!
העללאָ!
געצאַמטע פייערלאַך בריען דעם דראָט.
איך דאָ,
דו דאָרט.

ג

. . . אַזויפיל ניט געזעטיקטע נעכט, לוסי.
די פיס הויבן זיך צו די שטערן.
נאָר ווי שיידים אויף בעזעמער פון דאָ־ניט־הי
פאַלן שוואַרצע שאָטנס אויף מיין שוועל
ווען איך קום אַהיים,
די טרעפ שרעקן זיך פאַר מיין גאַנג
און איך פאַר דעם זשאַווער פון מיין שלאָס —
אַזאַ קאַלטקייט,
אַזאַ פוסטקייט, לוסי.

די שטאָט איז איצט פראָסטיק און וואַרעם.
קריסטמעס זויבערט מיך ווידער.
(און זי, די סטענאָ, וואַרט נאָך אַלץ אויף דעם הירש
און פאַנג.)
און איך אָטעם היינט די ווייסקייט,
די זילבערקייט פון דיין יאָנטעוו קאָנווערט.
איך, זינדיקער,
צעשטראַל זיך ווי אַ יאָלקע
ווען איך קוק אויף דיין בילד.

ד

. . . איך בין דעם גאַנצן טאָג געשלאָפן.
איללינאָיס זון איז פאַרשטעלט פון רעגן
און אייז־פינגער.
איך בענק נאָך דער זוניקייט פון דיין ווייטן אַרום.
דערפאַר איז היינט קווין איזאַבעלא,
לענדליידי פון מיין שטיינערנעם שלאָס,
אי שיין,
אי קלוג,
אי נאָבל.
זי פינגערט אויס די ליכטיקע וואַנט,
די שרייענדיקע אַנאָנס:
Say It With Flowers.
איך ווער פאַרשעמט פאַר מיין פאַרשטיינערטקייט.
אָט שיק איך דיר מיין האַרץ
אויף די שנעלסטע ווינטן, לוסי.

ה

. . . נאַכט איז רייף.
איך כאָלעם פון דיר,
פון אונדזביידן.
אָט פון די שפּעטע זומערן —
די לעוואָנע פאַרטשעפּעט צווישן אונדז ביידן
ווי אין די קעפּלאַך קרויט
פון דיין טאַטנס פעלד.

נאַכט איז רייף, לוסי.

איך כאָלעם פון דיר,
פון אונדז ביידן.
אָט פון אינדיאַנער זומערס —
פאַר מיר און פאַר דיר די פרייערי ליגט
ווי אַ נעוועאַ־קאַלדרע,
קאָלירפול
און
וואַרעם.

נאַכט איז רייף, לוסי.

גאלצענדארישער כוילע

אין רוישיקן לאָשן פון יאַם

א

אויף ווינטיקע הענט הוידעט זיך נאַכט שלעפעריק.
אַ בעריישעסדיקע טונקלקייט אין מיר.
דער ווינט האָפּקעט איבער מיין שאָטן אויפן זאַמד.
און פאַרבט מיך מיט נאַכט.
די שטערן קליגלען זיך מיט מיר.
איך זוך דעם וועג צו דיין שוועל, צו דיין טיר,
און דער טויט פאַרשטעלט דיינע טרעפּ
מיט רויך און פאָנען,
מיט מאַרש־טריט
מיט סאָפּיקן שוידער.
כ׳בלייב ווידער הענגען אויף סאָפּיקן קרייץ
אַ מידער, אַ פאַרמישפּעטער.

ב

דער יאַם, צעקאַמט און צעשוידערט,
רעדט אומרואיק און האַסטיק צו מיר.
איך ליג אויף די אָפּגעוואַשענע פעלזן
און קיל זיך מיט נאַכטיקער שוואַרצקייט.
מיין שאָטן לאַטעט זיך מיט אַן אָפּגעקראָכענער לעוואָנע.
סעפּטעמבער איז נאָך גרין,
נאָר אַלצדינק צאַנקט. קלעמט.
די קנאַפּיקייט פון ענדזומער אַנטפּלעקט זיך
און ציטערט מאָגער.
נאָך איינמאָל אַראָפּנידערן אין די טונקעלע היילן,
אויסטאָן זיך פון דער אַליינקייט,
אַ שפּרונג טאָן!
די בוימער, פאַרעלטערטע פוטבאָל־שפּילער אין אַ קרייז,
ווילן האַסטיק אַ רויש־טאָן אין אַ לעצטן אויפלעב.
אַ שטורעם־טאָן אין לעצטן אויפגאַנג,
נאָר דער ווינט שאַרט זיך און קילט דעם גוף פון זומער.
די אייביקייט פון ניט־ווערן זוכט איר שפּור
אין רוישיקן לאָשן פון יאַם.

לײדיקע פּאַרק־בענקלאַך

איך שפּיל זיך ניט מיט געניטע פּען־רייד.
וואָרט, קלאַנג און דו געוועלטיקט אין מיר, אַרום מיר.
אַרײנגעזאַפּט אַלץ מער און מער דײנע כּײנעוודיקע רייד,
ווי דו דעם פלאַטער פון מײן נײסטן ליד.
זון האָט אויסגעטײלט מײן הײנט קאַרגע כּאַלאָקים,
דאָך רייט מײן טאָג אויף דאָרשטיקע קעמלען.
שוין אָפּגעריטן אַ מידבאָר־מעסלעס און עפּשער מער.
ניט געפונען קײן אַליבי פאַר מײן בענקשאַפט.
בין פול מיט פאַנג, געטריי און טוליע זיך צו דיר.
ס׳קאָן זײן —
גאָט קרייציקט אונדזער לײב אין שפּילעוודיקע שטונדן.
דײנע הימנען ווינטיקן הײנט מיט מוירע.
אומזיסט געזוכט דעם בלענד אין בלעטערדיקע טעג.
אָט ליגן האַרבסט־נעכט צוקאָפּנס, ווי דײנע אָפּגענוצטע פאַנטאָפל
רייצנד, אָבער קאַלט.

אין הויז איז שטיל כאָטש אונדזער וועלט־טיר איז אָפן.
דער גלאַנץ פון שטאָלענע טעג רוישט און בליצט אין מיינע אויגן.
האַרבסט וויינט אויף צווייגן־ריטלאַך — הויל,
און גאָט מאָלט דעוויזן אויף גרינלאָזע, געציילעמטע לאַנדשאַפטן,
ווייל ביקסנרייד שפּאַלטן מיין לירישן שמייכל.
פולווער־טעג שפּרינגען ווי ווידערס — הערנעריש־כוצפּעדיק
און שאַרף.
דאָס דאַכטעניש וואַקסט אין מיר און גראָבט טיפע אָקאָפּעס טאָג־טעגלאַך.
קיינמאָל ניט דערפילט אַזאַ פאַרצווייגטע אַנגסט,
קיינמאָל ניט דערפילט אַזאַ קאָרבן אין מיר.
צעבליטע אייערנעכטנס מיט טרויער און פרייד
ליגן ווי צעריסענע, גרויע קאָנווערטן אויף ליידיקע פּאַרק־בענקלאַך.
באַלד וועט זומער ליגן אין אַ ווינטער־אָרן
און איך און דו וועלן באַדויערן און רעדן פון אומשטערבלאַכקייט.
דאַכט זיך —
די גריווע פון מיין יונגן כאַלעם איז מיטאַמאָל גרוי געוואָרן.

יונג־ווייבס אומעט לייגט זיך האַרבסטיק אויף מיין געמיט.

דער טאָג מאַיסע שפּיאָן אין אַ בלויען מונדיר הענגט איבער מיין שטאָט
און ציילט די באַקאַנטע ווענט און די טעמפּע רעקלאַמעס.
שטאָט איז היינט פריילאַך, טומלדיק מיט מעגאַפאָנען און ספּעקטאַקלען.
און די האַרטע לאַסט פון וואָך צוואָגט זיך אין קאַלטן ליכט — געפּלעפּט.
(די זון אַ באַליידיקטע איז בייז און קאַלט ווי אַן אַלטע באַראָנעסע).
ווער עס וויל קאָן אויסבאָרגן אין מיטנוואָך אַ צאַנקעדיקן י—אָ—נ—ט—ע—וו.
י—אָ—נ—ט—ע—וו!
נאָר איך סאָרטיר די הוילע ביימער פון פּאַרק, פון וואַלד,
און באַציר זיי מיט בענקענדיקן ציטער.
די הילצערנע פינגער פון די ביימער קאַמען בלוטיק מיין אָקטאָבער־טאָג.
דער אַלטער וואַלד קוקט און שטוינט פון גאַנצן שטאָטישן ספּעקטאַקל.
דער צאָפּנווינט ציט אַ וויסן פאָדעם אין דער ווינטערנאָדל אַריין —
פאַרסטריגעט די פאַרביקע טעג גרוי־קאַלט, קאַלט, אייז־קאַלט.
אַ שפּיל אַזאַ אין האַרבסטיקייט.
שווייגיק און הויל ליגט האַרבסט אויף פּאַרק־בענקלאַך.
דו, זע, עס זאָל דאָס פייער זיך ניט אויסלעשן — אומגעריכט.
דאָס פייער, וואָס ברענט אין מיר
איז ניט ציגאַרעטלדיק.
וועלט פּאַכעט מיט שווערד איבער מיין קאָפּ — — — —
און טריאומף ווינקט און וועלקט.
כאָטש שנייד אויס פון אייגן יונגלייב — אַ דערלייזער!
אַ דערלייזער פון אייגן לייב געפּליקט.

אָקטאָבער

א

די בייזבאָל קעניגין הערשט איצט איבער אַלע בלאָקן.
גאָט שפּילט אויס זיין לעצטע טויז.
פאַרמאַשקנט דאָס גרין, די זון,
און שענקט מיר אַ געלאַטעטן הימל.

אַ צעבערעקלטע זון ליגט קאַלט און שלאָפט אויף פּייכטע בלעטלאַך.
און איך, ווי דער אינדיאַנער אין פּאַרק, מיט שווייגן און טראַכטן.
אָקטאָבער־פאַרקלערטקייט רעדט פון שטאָטישע ווענט מיט בולן,
ציקלען פון זיג און נידערפאַל.
דער זומער געלזוכט אין בראָנזענעם פּאַרק.

נאַכט וואַרט מיט אָפּגעקילטער פרייד צוקאָפּנס.
גלעט די קינדער מיט נאַרנשפּיל, מיט פויגלפלי,
אַלץ ווידערהאַלט זיך. (לאָמיר ראַטעווען מיין זומער־כאַלעם).
דערנאָך:
די אַרענע פּאַרשנייט, פּאַרשטעלט,
דער געהויבענער בוזעם פון דער בייזבאָל קעניגין
הענגט קאַלט און פאַרכידעשט.

ב

די שטאָט בליט ווי שטענדיק מיט מילכקאַנען.
די עפּלען רויטלען זיך ניט מער.
און בלעטער פֿאַלן — בלאַנקע בריוו אויף דער ערד,
דער בופֿלאָקס אויף מיין ניקל קלינגט מיט אַ לענדלאָרדס קאַלטקייט.
דערמאָנט:
דער ווייסער בער אַ לאַנג פֿאַרגעסענער גאַסט הינטער מיין טיר.

דער יאַם, דער איינאויגיקער פּיראַט, רייסט זיך צום ברעג
און צערטלט און קניפּט די קאַלטע זאַמדן,
ציילט די לעוואָנע רינגען אויף נאַכטס האַנט.
איבער די ווייטע בלויקייטן גליטשט זיך פֿלינק מיין זומערדיקער כאָלעם.

ג

קיל, שטיל און דורכזיכטיק איז דער פּאַרק,
פּאַרטיפט אין אַ לעצטן כאַלעם.

די זון איז בלאַס.
אויף די אויגן בורשטין־טונקעלע גלעזער.
עס זינגט די טיר מיט ווינט, מיט וויאָגען.
בלייכקייט קאַרבט דעם פּאַרנאַכט מיט ווינטער קנייטשן,
מיט דינער קעלט.
אויף מיין טיש ליגט שטיללעבן — דעקאָרירט:
אָראַנזשן,
צעשניטענע באַרן,
פּאָמידאָרן —
די רויטע וואונד פון אַ לעצטן כאַלעם נאָך קענטיקער.

ד

און גאָט פליט מיט ווינט אין די פליגלפּאָלעס.
גאָט איז מיד און לאַנגווייליק.
לייגט זיך שטיל אויף אַ הויפן געלע בלעטער
און ציילט זיין פאַרמעגן, די אַראָפּגעפאַלענע פּיירעס פון דער גאָרער וועלט.
פליקט פון יעדן בוים ווי אַן אַלטער באָכער בלעטל נאָך בלעטל
און ליפּלט:
די ערד איז מיר יאָ ליב, די ערד איז מיר ניט ליב.

קאַלענדאַרישער כוילע

פאַרענדיקט האָט מאַעסטראָ זומער
זיין גלאָררייכן סעזאָן.
האַרבסטיקט פלאַטער־ליד אויף זומער פאָן
מיט אָקטאָבער־נאָוועמבערדיקע ניואַנסן:
הוילווינטיק,
ווינטגרויאיק,
קורצטאָגיק,
לאַנגנאַכטיק.
טאַנצט אַראָפּ מילימיליאָנמאָל
קאַלענדאַרישער סקעלעטען־טאַנץ,
נאָוועמבערדיקער אומפלאַטער פון ווינטער פאָן.
פון די צווייגן צאוואיקער באַוועג.
שוואַכער געדריי —
קאַדיום בלעטלאַך כירוגירטע.
פאַלן,
פאַלן
פון סאָפיקן אָנהויב אויסגעטריקנטע לעבנס,
מאטגעצייכנטע פאַראַסאָלן
איבער ערשט־שנייאיקע ציפּערירטע טעג.

זעט מען אין וואַלד אין גאַס גאַלערייען:
בוימער, מאָגערע כאַריסטקעס — אַנטבלויזט.
דער צאָפּנדיקער פריזירער, סער ווינט,
האָט מאָדיש אָפּגעראַזירט פון פעלד
דאָס גראָז.
פעלט מיט אָפּגעגאָלטן קאָפּ,
טראַכט פון דעם גאַרדעראָב,
פון אַ ווייסן פוטערהוט
וואָס דער רייכער פוסטעפּאַסניק, ווינטער,
וועט ברענגען עלעגאַנט
פון ווייסן שנייעגלאַנד.

וואַכן איבערן פעלד טונקעלע כמאַרעס,
דורכזיכטיקע לאַטעס אָן צאָל.
די זון, אַ געטרייע רויט־קרייץ שוועסטער
שפּרייט איר ליבלאַכן שמייכל
זילבערווייס,
און וויקלט זיך אין שנייאיקער וואָל.

ליגט מאַעסטראָ זומער
אַ סעזאָניקער כוילע אין אַ ווייסן שפּיטאָל —
און וויל ניט פאַרגיין.
און כאָלעמט
פון פּילפּאַד־קאָלירטן ווידערגעבורט
וואָס מאַיאירט איבער ערד אין אייביקן פּריוואָל.

נאָוועמבער

עס רעדט נאָוועמבער כאַלעפּדיק צום שטאָלצן אינדיק.
אַ טרעמפּ האָט היינט פאַרפירט אַ שמועס
מיטן צאָפנווינט
וועגן מיין וואַרעמען מאַנטל.
זיין זומער פרירט אין פאַרקניפטע שיכנבענדלאַך.
נאָר דאָס איינגעשפּאַרטע אויג
וואַרעמט זיך
אין אַ קאַצעווס שוי־פענצטער.
און דער שניי זויבערט זיינע געגעטע יאָרן:
אַ אינגל אויפן טייך,
דער וואָלקן אויף זיין שטערן.

אין דרויסן שטיקלאַך האָלץ — אויפגעלייגט פייער.
צו וואָס דער מאַמעס שירץ?
נו, אַז די ערד איז ווייס?
די ערד איז קנאַכיק.
און אין די קעשענעס,
שטיקער טעג — אויפגעקליבענע ציגאַרעטלאַך
אויסגעלאָשענע, צעטרעטענע.
אַ ווייסער הונט דרימלט און כאַלעמט פון אַ יאַטקע.

טייך ליגט איבערגעדעקט מיט אַן אייז־דינעם ליילאַך.
עס רעדט נאָוועמבער כאַלעפּדיק צום שטאָלצן אינדיק.

דעצעמבער

דער אַקעריונג פּייפּט גרוינאָרדיש.
מעטאַל־בלוי זיינע אויגן.
זיין שעטאָך ערד ווייס און פרום,
דאַר,
פאַרפרוירן.
דעצעמבער שפּאַנט מיט וואַטעווייכע טריט
און זאַלצט מיט שניי דעם אָרום.

דער אַקעריונג פאַרקלערט, שטום.

אַ הירש האָט פאַרצווייגט אומרו
איבער זיין פעלד.
זי, אין אַ שטאָטיש $5.95 קלייד (דאָס בילד
איז קליין)
זומערט אין זיינע פינגער.
און דער בעזים וויל ניט פאַרקערן
אירע טריט
פון אָט־ניט־לאַנג.

אַבי דער זיידע ליולקעט רויך־סטעזשקעס
פון פאַרגאַנגענע סעזאָנען,
און בערדלט דרימלדיקע רייד:
אַלע וועגן, שנייאיקע מאָפּעס, יונג דו!
נאָר אומרו ווייס קיין צאָם.

דער אַקעריונג פאַרבענקט, זוכט זיין לאָם.

קאַליפאָרניע

א

אָט בין איך ווידער צוריק אַהיים.
די גלאַנציקע נומערן אויף מיין ווינטער טיר
קוקן אויס פאַרבענקט.
אַ רעגן פלייצט און פלייסט זיך אַקשאָנעסדיק
אַראָפּצוואוואַשן דעם באַנשטויב פון מיין מאַנטל.
דער דראָענדיקער וואָלקן האַלט די זון אין זיינע אָרעמס
און נאַכט כיינדלט זיך לעוואָנעדיק צופוסנס,
ווייל דער ווינט גלעט מיט פאַרליבטע פינגער מיין אָפּגעבערענטן פּאָנעם.
וואַקסט אין מיר אַ שטאַרקער פאַרדאַכט צו מיין שטאָט:
אין די היימישע גאַסן לאַטעס שניי,
ווי פאַרעלטערטע, אויסגעקראַכענע קעץ
לעקן מיינע פאַרבלאָנדזשעטע זומערדיקע שיך.

ב

עס העלפט ניט מיין גלייכגילט.
ערשט איצט בענק איך נאָך דיר, קאַליפאָרניע, דו אייביק יונגע.
הינטער מיר מיילנווייט דיינע מאַנעקינעס —
מאַראַנצן בוימער מיט צעקרויזטע זוניקע פריזורן
שמייכלען אַ זיי־געזונט און ניט־פאַרגעס.
כ׳שווער: דיין טינטבלוי קלייד פלאַטערט אַרום מיר,
אַפילע דער בלינדער פלעפט פון דיין בלאַנדקייט.
וואָס פאַראַ קלאָרע, שלאַנקע פינגער, די באַנאַנעס, פאַר דיין מאלער.
שיין זענען דיינע נעגל — די שטעכיקע קאַקטוסן אַפילע.
דיינע פעלזיקע סאַקאַנעס בלענדן מיט קישעף און געפאַר.
כ׳וויל זיך אויסטאָן פון מיין פאַרקלערטקייט
און בלעטערדיק פאַרפלאַנטערן זיך אין דיר.
דיין פאַרנאַכטקייט גליט מיט סטעפּ און טליעט אין מיר — אויף אייביק.
כאָטש עס וואַרגן מיך דיינע שאָמרים,
די טאַטואירטע בערג, מיט וואַרעמען שוידער.

ג

די בענקשאַפט בליט אין הויז ווי קאַלירפולע טולפּאַנען.
כ׳פיל זיך שולדיק פאַר די אויסגעפאַקטע זומער קליידער.
די גרינע טעפּיכער אין פאַרק נאָך אַלץ פאַרגרייזט און פליכעוואַטע.
ווען ניט דיינע אויגן, עקזאָטישע דו,
וואָלט איך יעצט ניט געטראַכט פון די איילבירט סעדער.

נ י י ־ י אָ ר

אָט קייטלט זיך קלינגעוודיק אַ שיקערדיקע פרייד
אַרום דער נאַכט.
אויפֿן פֿאַרפֿרוירענעם טייך שטייט איינפּוסיק מיין בלאַסער טאָג,
אַ פֿאַרוואונדערטער בושל
און ווייס ניט וואוהין צו גיין.
דער ווינט קלאַפּט אין פֿלייצע מיט קאַלטער פֿרישקייט
ווען איך שפּיגל זיך אומהיימלעך אין מיין אַוועקגייענדיק יאָר.

די מוזיק, אַ מעשענער געפֿילדער רעדט צו מיינע פֿיס.
אַנהויב יאַנואַר־נאַכט ליגט אין מיינע אָרעמס,
יונג, פֿריש און צאַפּלדיק.
די נאַכט בליצט און רוישט אין מיר.
דער שטראָמיקער שאַמפּאַן פֿלייצט און צעווײנט זיך מיטאַמאָל
אין מיר.
דער קאָפּ ווערט שווער און פֿראַגיל, ווי אַ כינעזישע וואַזע.
נאָר אויפֿן ראַנד פֿון מיין געדאַנק שטומט מיין פֿאַרשטויסענער טאָג
אונטער אַ פֿרעמדן דאַך — 1936.
ס'איז מיין היינט מינוס נאָך אַ יאָר.
איך ווער שטיל און צעשראָקן.
אָטאָס פּירן ליאַרעמדיקע שאָען אין שטאָט אַריין.
ס'פּויקט אין שויב פֿאַרשאַרפֿטער אומרו:
פֿון ליד,
פֿון וויין,
פֿון לייב.

די לעוואַנע, ווי דאָס זילבערנע קעמל אין מיין באַגלייטערנס שוואַרצע האָר,
איז כיינעוודיק און עקזאָטיש — אָבער פרעמד.
און פּונקט ווי ברויט וואָלט איך יעצט געקויפט דעם שלאָף,
ווייל די פאַרעלטערט־געוואָרענע נאַכט
טרייסט ניט מער,
טרייסט ניט מער.
די פלוצלונגדיקע פינצטערניש פאַרשטעלט די טיר צו נייעם פרימאָרגן.

די ווייסע, פּוטערנע נאַכט־מאַנטלען ווי זעגלען אין ווינט
וואַרפן טונקעלע שאָטנס — פּאַראויס.
האָב מיין אַוועקגייענדיקן טאָג אָנגעשיקערט און זיך באַפרייט פון אים.
איצט בין איך איינער און אַלע.
איך זע זיך מיט מיין נאַרישן געוויין און הילכיקן געלעכטער —
איינער אַליין,
אין גלאַט־גלאַנציקן קאָפּ פון מיין שאָכן — — אַ שפּיגל פון ראַכמאָנעס.
באַר די אויסגעשטערנטע נאַכט, אַ דעקאָרירטע כופּע־שטאַנג,
בינדט אייביקע געטריישאַפט
צווישן מיר און אַוועקגייענדיקן טאָג.
ווי פריער,
ווי אַלעמאָל,
ווי אייביק.

אַ כאָלעם

א

די קאַלע זינגט פון קאַרשנרויטקייט.
און קושט די שטראַלן אויף איר בעט
... אַלץ איז גוט.

ער איז דריימאָל געקומען
... ניט געטראָפן
דער
קוואָרעסמאַן, הוסט מיט לעצט,
ציילט די טריט און גענעצט.
די קאַלע דרימלט צווישן ווייַנטרויבן.
פון לעמער־וואָל דער פלאַטער גרינג און ווייס.

די נאַכט איז אומפאַרזיכטיק.

ב

די קאַלע איז פאַרליבט אין ווינטיקן פישער.
מאַכנעס פיש וואַנדערן אונטערן אייז.
. . . די פישערס ווילן ניט שטאַרבן אויף יאַבאָשע.
. . . צייט
רוישט און
שווימט . . . ענדלאָז.
אומצופרידן,
אוי, מיר וויינען איבער זיך.
עס
קומען אָן שוואַרצע אָקסן אויפן ראַנד
פון סאָף.
ניטאָ קיין פאַרב אין וואַלד.

ג

ליבשאַפט . . . רוט ניסימדיק צווישן אָפגעשיילטע עפל
די שיינע קעכן פארעט גוטזעליק . . .

די אומשולד שפיגלט זיך אין דראַמאַטישן יאַם.

יונגזומער

אַ פּ ר י ל

די יוגנט בליט אין טויזנטגעשטאַלטיקייט.
דער זוניקער אַלעפ־בייס אויף ערד און שטיין.
און ווידער דיין געשטאַלט.
ליגסט אין מיינע אָרעמס,
אַ שיפל אויף כוואַליעס —
אָ, זאָג, וואוהין דער פיבערדיקער וואַקל ?
איצט ווען די ערד איז אָנגעטרונקען מיט שניי
צעצווייגט זיך מיין רוף אין געדיכטע שטאַמען.
עס דרימלען צעפלאָכטענע בוימער און כאַלעמען צוזאַמען.
נאָר אין מיר דער ווינטער־ווינט פאַרטאַיעט
וויינט זיך פונאַנדער,
אַלעמאַי ער מוז איצט קריע רייסן
פון עלנט־אינגלדיקן אַפּריל, וואָס לויפט אונדז אַנטקעגן.

די גראָזן ווערן דיקער.
די פֿאַרפֿרוירענע טייכלאַך, צעשאָכטענע פֿון זוניקער שלייף,
שפּריצן און שטראָמען מיט בלוי בלוט
באַרג אַראָפּ,
באַרג אַראָפּ.
דער אייביקער כאָלעם רעדט צו אונדז
מיט שאָטנס און שענקייט;
און די פֿאַרגאַנגענהייט, עכט און רעאַל
לעבט ווידער אויף אין דיין געשטאַלט.
ס׳ליגט דער פֿאַרוואורף פֿאַרקניפּלט אין דיין האַלדז.
דו ווייסט,
כ׳וועל אַלצאיינס אָפּשערן אַלע דיינע טאַינעס
מיט גלייכהייט פֿון מיין האַנט.
און אין דיינע אויגן,
די בענקשאַפֿט פֿון אומפֿאַרשריבענע בלעטלאַך.
צו וואָס זיך פֿאַרשפּילן מיט צעבראָקלטן אייז?
די זון, אַ רויטע קויל,
צייכנט אָן
דעם שפּיל פֿון סעזאָן.

אויף די ווענט ברעקלאַך שאָטנס,
יונגינקע שוואַלבן.
די לעוואָנע אין פֿענצטער פֿאַרשמאַיעט און מונטער.
גוט איז די קלאָרע ווייטקייט.
איך וויל דורך דיר די אייביקע ליבשאַפֿט דערשפּירן,
און אַריינאָטעמען די שפּאַנונג
פֿון וויסן צוויט, וואָס פֿרילינגט מיט מאָרגן,
און ניט ווי פֿאַרמישפּעטער ציילן זיינע נעכטנס.

זון אויף דיינע נעגל

כאַנטשעלען

די ווינטער וועלט הינטער מיר.
די זון האָט די אויפגעהיצטע וואָלקנס אַראָפּגעווישט מיט אַ שמייכל.
מיין שוויגיקייט צעשפּליטערט.
און איך בין היינט אָפּנהאַרציק, ריידעוודיק ווי דער גרינער פּאַרק.
אויפן ערדישן קאַרק פון סעזאָן בליט דער זומער,
דערפאַר אין האַרץ איז פול מיט גלי — איך בין זיך דאָ מעגאַלע.
ווייל עכט ווי דיין שענקייט איז דאָס ליד און דורשטיק מיין פען.
היינט קומט צו מיר אויפגעלייגט און וואָרהאַפטיק.
ערשט־אָ צעהאַנגען מיינע צעפרירטע שאָען די טריוויאַלע
אויף אַ זוניקער וואָג.
צאַרט איז אַפילע דער טראַפיק, הין און קריק בלאָק נאָך בלאָק.
דיין צוקער ברוין פּאָנים קוראַזשירט היינט טראָפּיש.

די ווינטערוועלט הינטער אונדז.
די מעטראָפּאָליע אונדזערע איז מער ניט קאַלט, מער ניט שטאָל.
איז מיטאָמאָל יונגצווייגיק, גרינבוימיק, פריש־בלומיק.
די שטאָט איז פול מיט יעגערס, די שטאָט איז פול מיט האָזן.
אַפילע די אָמניבוסן שלעפּן זיך היינט ווי באַפּוצטע עלפאַנטן — פויל.
און אין די אויגן פון יונגע מאַנספאַרשוינען רייפער הונגער,
די שאַרפקייט און גלאַנץ פון אָפּגעשוירענע גראָזן.
יאָ, די לייכטע ווינטן ווערן וואָס מער דרייסטער מיט דיינע קליידער.
ווי אַ דזשענטלמאַן פאַרנעם איך דעם פלאַטער פון דיינע זומערמאָדעס,
און דיר פּאַסט ביז גאָר דער קאָלירפולער שירעם, דער זומער,
ווי מיר מיין פאַרליבטקייט —
דאָס זונליכט אויף דיינע נעגל בריט און וועקט.

יונגזומער קלעטערט

אויפּסניי —
יונגזומער קלעטערט אויף מײַנע הינטערטירן
און צייכנט הויקערדיקע פּייזאַזשן,
פּסעוודאָ־ווייסע בערן און גרינע נעגליזשעען
אויף פריש געקאַלכטע שוועלן
מאַסקאַראַדיש.
יונגזומערס אומרו זוניקט אין מיר.
דער הימל,
גרינגוואַגיק צעהיצטער דזשאָקי
בייטשט
מיט זונפעלדיקער רעגונג,
יעגערפלינק,
בראָנקאָ־ווילד.

אַז דאָס לעבן, אָ-אָ, לעבן,
הענגט אויף מיר פרייוויליק,
אַפּריל־רעזאָנירנדיק,
דאַרעמווינטיק
מיט מאַיאיקער אַשירעס.
אויף מיר, ווי אין מיר זוניקער עמבלעם.
טראָג איך גרינגראָזיק לעבן, אָ־אָ לעבן,
ווי אינדיאַנער זייערע פּאַפּוזעס אויף קופּערנע פּלייצעס.
קאַראַוואַניש.

יונגזומער פּאַרפּלאָנצט בראָנזענע טעג.
מולאַטקעס אונטער מיינע פענצטער
עראָטיש פריש,
עראָטיש ווילד.
בליט עקזאָטיש
צעוואָרצלטער טאַנץ פון גראָז און בוים
דזשאָנגל רייך,
קאָנגאָ שטאַרק.
און איבער אַלץ קלעטערט יונגזומערס אומרו
וועווריק־גרינג.

צוויי עטיודן

א

פלינקע נעגערס שווימען אין דזשעקסאָן־פּאַרק טייך
און זענען שטאָלץ מיט זייער האַרצגעקרויזלטקייט.
זייערע הענט, ריטמיש מיט אַפריקאַנישן וויוואַט,
טרייסלען אויף די ברייטפּליגלדיקע כוואַליעס.
עס קען זיך דאַכטן —
אַ סטאַדע גלאַנציקע יאַמלייבן האָבן זיך אויסגעלייגט אויפן זאַמד
ביים ברעג,
שרייען, פּילדערן און טרינקען לימענאַדע.
לאַכן מיט געצונדענע אויגן און שטיפן מיט דער זון —
דער גילדענער האַרפּון,
וואָס בריט און שטעכט זייערע צאַפּלדיקע רוקנס.

ב

פונטיקע נעגערס שלאָפן אין וואַשינגטאָן־פּאַרק
און ציילן אין שלאָף די פּאַרלאָרענע פּעלכלאַך און שטרויספּעדערן
פון איידער, איידער פראַגרעס.
אַלע זייערע פינגער רעדן צום הילכיקן טאַם־טאַם.
שילטן בלינדערהייט צווישן שיטערן כאַלעם די פּאַלשוויביקייט,
וואָס שמעקן מיט וואולוואַרטס פּאַמאַדע.
מען קען מיינען —
אַ מאַכנע פאַרוואונדעטע פּאַנטערן זענען אַוועקגעפאַלן אויפן גרינעם גראָז
אין אַ שפּעטע שאָ,
און שרעקן זיך פאַר דער פאַרטאַיעטער שטילקייט צווישן דיביימער,
ווי פאַר אַ יעגערס קויל.

זאָל זיין געבענטשט

א

זאָל זיין געבענטשט די זומערדיקייט, די זוניקייט.
מיין געמיט אַ גרינוועלדל פול מיט אינגלשאַפט,
מיט אייביקער יונגשאַפט.
און אין מיר ליכטיקט היינט אַן אַנדערשקייט,
אַ נעגערישע געדולד זוניקט אין מיר.
איך זוך דעם פלאַטער, די אויסגעגליטע שאָ
דאָ, דאָ, מיט אייך אַלעמען.
מיין טרויער, אַ קוליע הינטערשטעליק, ליגט שטום.
פון פאַרנט — אַ וועלט פאַרשיקערט פון אַ געשליפענעם כאַלעם.
און הינטער מיר, פול און צייטיק רויטלען זיך די עפלביימער.
קאַלירפול איז דער איזאַלירטער פלאַנץ
אויפן דנאָ פון בלויען טייך, מיין פריינט.
און איך צווישן כוואַליעס אַ געניטער טויכער
פאַראַנקער זיך מיט דויער, מיט געדולד,
די זון — מיין קאָמפּאַס.

מיין אומזיכערקייט אין אַ פֿאַסטקע פון שטאָל און ציגל
פֿאַרקלאַפּט,
פֿאַרמויערט,
פֿאַרברענט.
און אויף די ווענט צעבליטער פֿאַרטאָג,
און אויף מיין שוועל — וואונדער איבער וואונדער,
מיינע פיר ברידער מיט ברען און שטאָלץ.
קיין סימען פון מוירע.
האַפטיקער און עכטער מיט מאָרגנדיקער פרייד.
ווי געגאָרט זייער לופט און פאַרב.
רייף געזאַנג פון היינט.

מיינע פיר ברידער,
ווי טייער די זומערדיקייט, די זוניקייט
אויף מיין טיר,
וואַנט,
שויב
און דיל.

אַנטקעגן מיר גלאַנציק און שאַרף די צייט.
דערפֿאַר מיין עקסטאַז אָפּטמאָל געצאַמט, פֿאַרבאָרגן און שטיל.

ב

הימל, הימל און הימל און גראָז.
צעפּאָכעטע פליגלען פון סעזאָנען.
פלי צום העכסטן באַרג און טרינק דאָרשטיק די רייכעס פון פאַרב.
איך ווער פאַר זיך אַליין אַ רעטעניש אָן אַ נאָמען,
נאָכסאָל דער פלוצלינגדיקער שטורם?
אָפּגעקילטע פרייד קוואַלט מיט שטראָמיקן רעפּרען.
נאָר דער טייך אַ בלוי־טאָפּל מיט צאַפּלדיקע שורעס
אַפּלאָדירט און קוועלט,
ווען דער ווינט ווילד און שטיפעריש
צופּט בעקיוון די האָריקע ברוסט פון רייפן וואַלד.
אַלץ בליט. אַלץ גרינט. די לאַסט און וואָר.
און איך מיטן פּאָנים צו דער זון אינזעקטיש קליין —
דאָך קלעטערדיק.
אין די קאָרבן פון מיינע האָר ליגט זון פאַרבאָרגן.
מיינע נעכטנס — בלויז געפּאַלמעסטע כוואַליעס אין אויפבּרויז.

סאָף־טאָג גריסט פון אונטער דעם באַרג. דאָס גראָז — פלאַשגרין.
און איך ווער בין?
אַ צייטווייליקער אויף צעבליטער ערד, זוניק צעברענט,
אָדערדיק נאָענט מיט זיך, מיט אַלץ, מיט אַלעמען.
נאָר פאַרנאַכט צו,
ווערט יעדער בוים מיין גרינער הירש מיט הערנער פאַרצווייגט
וואָס טראָגט טמיד העט, העט, ווייט — מיין פריינט.

ג

אין אַ זומער טאָג ביים ברעג פון טייך איז מען פריי
פון גרויל־גריל־גאַל.
גאַנץ עגאַל — רעד־רעלס־ראָד פון מיין גרויסשטאָט.
יעדער פעלז אַ שטומבאַרוועסער נאָווי אין אַ זייט — פאַרטראַכט.
בלויז ערעוונאַכט, אין שטאָט־נאַכט,
ווינקט מיין קישעפדיקער וואָן מיט מאַגישקייט.
כאָלעם קלעטערט פון הויז צו הויז — אַ געפלאָנטער טור איבער גאָרנדיקייט.
אַלץ איז איינגעהילט אין דאַכטעניש.
דער הימל איז איצט כינעזיש בלוי און פרום. —
נאָר די ווערבעס, ווי מיינע פינגער, אַזוי אומגעוויינלאַך אין מיטזומער
שטראַלן מיט וואָרעמען טרויער פון די מאַדיליאַניס.
היינט ווייס איך דעם רייץ פון פליסטער, די שטילקייט פון קילן מורמל.
איך פיל דיך נאָענט, דו יולי־נאַכט —
מיין האַרץ, אַ רויטער בוקעט אויף וואָכעדיקע טישן — צעבליט.
בין אומגעעזטיקט פאַרליבט אין דיר, ווי אַ יונגיאַריקער אין אַ ניוד פון מאטיס.
כ׳קוש דיין פראָפיל.

שטאָט איז שטיל. שטאָט איז אימאָביל.
איך זינג פֿאַר דיר דאָס ליד פֿון פּאַרמעסט, ווי דו פֿון דיין בלי.
און מאָדנע —
מיט יעדן שטערן מער, זע איך ווער איז ווער. ס׳גאַנצע רעטעניש אַ פּלי.
די אידיליע אין אַ נאַכטיקער ראַם צופוסנס זינגט פֿון פֿאַרגיין,
נאָר דיין פֿאַרגיין קלאָרט.
אָט יענער באַרג, מיזראַך־צו, אַ בופלאָקס אָנגעטרונקען מיט נאַכט,
שוועבקט זיין צונג אין פֿרישן טוי —
האַלעלויאָ!
דער אָנקום פֿון מאָרגן וויברירט פֿאַרביק אויף אונדזער ערד.

מיינע פֿיר ברידער:
כ׳זוך דעם פֿלאַטער די אויסגעגליטע שאָ
מיט אייך אַלעמען
דאָ, דאָ, דאָ.

עס איז זומער איצט

א

עס איז זומער איצט,
צעגאָסן לינקס און רעכטס אַ גרינע פאַרב.

ניט דאַרב. דער טייך ער וואַשט די ברעגן.
און זון אין מיין בליק, אַזאַ הערלאַכער ציל.

פיר זיך אַרויס אין ליכטיקן פּראָפיל פון זיין,
גלעט אי גראָז, אי שטיין, אין דער גרויסער ווייל.

ס׳איז די וועלט מער ניט הויל. די קלאָרקייט
פון אַ צעבליט האַרץ אָטעמט אויף יונגע צווייגן.

דיין הוסט פאַרשלים. צעזינג דיין שווייגן.
קוש די אַלפאַנימדיקייט. וואונדער אין אונדז, אַרום אונדז.

און גאָרנישט טראַכט פון אַנגסט און טרויער.
עס בליט דער בעז אויף דיין פענצטער.

2

דורך אַ דינעם שטרוי זופּ איך דיין בלאָנדקייט
און פֿאַרשיקער מיין רייפֿקייט.
דו, אַ מיספֿאַרשטענדעניש ביי מיין זייט.
כאָטש דער וועג צו דיר איז ניט ווייט,
ניט אַ מייל — אַ שפּאַן.
פֿאַרוואָס הענגט אַזוי דיק דער נעפּל איבער מיר,
איבער דיר,
איבער אונדז אַלע,
אין קאַבאַרעט?

די פֿאַרביקייט פֿון גאַרנישט אין דער לופֿטן.
איך שנייד פּעניצלאַך רויך
און זוך די טויזנט קלאָרקייט פֿון יענער זייט גלאָז.
אָט בין איך קלוג,
אָט בין איך הערקולעס,
אָט נעם איך אויף דעם שמייכל פֿון דיין פֿאַרצעלייענער לאַנגווייל
ווי אַ פֿילאָזאָף.
אַלץ דוכט זיך איז שפּיל.

ג

אַ צוק פון דיין ברעם
און נאַכט האָט זיך אָנגעפאַנגען
אָן אַן אָנפאַנג.
אַלע צאַצקעס אין שויפענצטער
שוין אין שלאָף.
עס ווילט זיך מיר אויסזינגען די אַנגסטיקע באַלאַדע,
מיין פאַסקודנע ירושע —
פון וואָס צוליב וואָס?
נאָר דו בעסער זינג פון דעם לאַנד,
וואו אַלע שטערן הענגען שטיל;
פון אַ פאַרשפעטיקטן אינגל
וואָס האָט ווי אַ נייער קאַלענדאַר געוואונקען צו דיר,
און זיך אָנגעהאַנגען אויף דיין טיר
מיט קלוגן דויער
אַלוויסיק,
אַלווייסיק,
אַלצווייסיק.

ד

דיין שמייכל־גלי אַשיקט פון דיין ציגאַרעט.
דו קאָך מיר ניט געקעכץ פון פלוך און בראָך,
ווייל נישט אַלץ איז פאַרטרוילאָך,
נישט אַלץ איז אויסלייז.
איך ווייס,
די שפּעטע שאָ איז פריי און אָפנהאַרציק
און דורכזיכטיק, ווי דיין סאָף —
אָט פאַרצייל איך דיר:
דער עלנט, אַ מאַהאָגאַני רויטקייט אויף פאַרנאַכטיקע שוועלן
מיידט מיך אויך ניט אויס.

ה

דערווייל וועל איך דיך כאָוועֶן אין נעפּל בלויז.
אַ בענקען אין מיר,
זינט די שרעק פון אַ מויז פאַר אַ קאַץ.
ניט אַלעמאָל קען איך אויפקניפּן די רייצונג
פון דיינע קאָבאַלט־בלויע אויגן.
ניט אַלעמאָל רעדט די שפּעטע שאָ
אויף דיינע שוועלן
מיט אַזאַ גוטסקייט.

ו

צווישן ראַי און ברענדי מוז אַלץ געשען
און געשעט.
אַ גוטע נאַכט.
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
און איצט איז ווידער זומער.
מיט זאַכן פאַרשפּילטע צוריק צום אָנהויב.
אַזויפיל בלאָנדע טעג
פלירטעווען מיט פאַרביקער ווייטקייט,
מיט וואַלדיקייט.
דאַווקע איצט שענק איך דיר אַ טראַנספּאָרט פון בענקשאַפט,
וואָס פיבערט איבער אומגעצאַמטע לאַנדשאַפטן.

זון און זאַמד

ל. מ. און סאָניא שטיין

צעשניטענע בערג מיט זאַמדיקע וואונדן.
בין אָנגעצונדן מיט זון און זאַמד.
דער טייך אַ בלויער פלאַסטער,
היילט און קילט.
די שטאָט הינטער מיר פאַרוויקלט,
שטילט.
אַן אויסגעבענקטער ווינט האָט אָפּגעווישט מיין מידן בליק.

דער אַרום איז אָפן
וואוהין נאָר אַ ווענד — פויגל־רייד.
זיך פאַרקנאָסט מיט פרייד און רו.
כ׳בין אַן אַנדערער איצט.
מיט מיין שטאָט צייטווייליק צעקריגט.
און די באַן אַ שטאָלענער אַקאָרדיאָן שפּילט און וויגט.

ניטאָ מער קיין עלנט.
האַלב־נאַקעט צעגלאַנצט זיך אין פאַרבן.
כ׳וואַרצל זיך אונטער דעם בריק פון כוואַליעס
אַרויף, אַרויף, אַרויף.
אַ, זאָג, מיט אַזויפיל זון אין מיר —
פאַרוואָס שטאַרבן ?

אינדיאַנער זומער

די אַלטינקעביים ראַנד פון טאָג
איז שניי־גרינג
און ערד־שווער.
איר לעבן איז מוירעדיק צעשאָכטן —
מיט זון-פאַרגאַנג.
רו.
איצט רו.
אויב ניט רו צו־וואָס טויט?

דער זייגער־גילאָטין קלאַפּט אַראָפּ
אַ שאָ
נאָך
אַ שאָ.
די אַלטינקע הערט דעם טאָם־טאָם
אויף די שויבן.
נאַכט איז הייזעריק פון רעגן.

דאָס לעבן, אייניקל מיינס,
אומפאַרשטענדלאַך
ווי דיין שפּראַך,
אַסאַך, אַסאַך
געצאַמט.

גרין לעבן — ניט מער.
אינדיאַנער זומער ליגט מיט
פידל־קאָליר
אויף דער אַלטינקערס שוועל.

שטאלענע פליגל

צו דיר מיין לעבן

א

מיינע מאָרגנס מאָזלען אויף פּאַרטאָגיקע ווענט.
עס רעדט צו מיר די פרישקייט פון וואַרעם געבעקס,
דער רייאַך פון קאָכעדיקער קאַפּע ברויניקט מיין נאָז.
איך טראָג דיר היינט אַנטקעגן — לעבן מיינס,
מיין צאַפּלדיקן וויוואַט.
כ׳האָב אומפאַרמיידלאַכן סאָף פאַראַנקערט אויף אַ ווייל,
געלאָזט זיך צו דיין קאַרוסעל,
מיט טאָג, מיט פרייד אויף מיינע אַקסלען —
אַ שיקער מאַטראָזל מיט ערשט געשאנקענע צוויי מעדאַלן.
ס׳איז מיין יונג האַרץ נאָכגיביק און איך טאַנץ מיט ריטמישע טריט
דיין צייטווייליקן פאַקסטראָט,
און ווער געטרייסט און באַגלייט פון דיין מוזיק — פּראָפּעלער־גערויש.
האָסט פאַרטיליקט מיין מוירע.
איך ווער דרייסט און הויב מיין קאָפּ העכער,
אַפילע די שוואַרצע פילאָטן, די בייזע וואָלקנס,
באַגריסן מיך אין אַ כמורנעם פרימאָרגן מיט אַ שמייכל.
כ׳באַוואונדער זייער זיכערקייט, זייער סאָלידאַריטעט.

נאָר נאַכט גייט מיר נאָך, נאַכט איז שטענדיק נאָענט.
באַלד וועט מיין רעגע אַ פּאָר טאָן אויף די טעאַטער־רעקלאַמעס,
צעבייטן מיין כאָלעם אויף וואָר.
ניט קיין הייזעריקער האָן וועקט מיין שלאָף,
נאָר צעבּרעקלטע זונפלעקן פּאַקן אויף מיין קישן.
דאָס האַרץ שרייט:
לעבן!
און טויט קומט פון אַ כעשבּן־בּוך און פאַרקויפט מיין כאַוועדס גוף,
זיין בּוים און שאָטן.
איבער מיין וועלט־דאַך פּראָסטיקט קיסלעוודיק־ביילעוונע ליכט.

ב

כ'וויס שוין, מיין לעבן,
דעם וועג צום מאָנענדיקן טאָג,
וואָס שאַרפט זיך נייגעריק און מיט שטאָלץ אין מיינע אויגן.
דאָך איז מיין געזאַנג אָוונט־שטיל אויף דיינע בּרעמען,
פאַרכאָלעמט,
פאַרטראַכט.
לויט מיין אימפּעט און ציל איז מידקייט אומדערוואַרט.
נאָר ווי נעמט מען אַהיים די צעשאָסענע פרייד־רעגעס מיינע,
צום טיר פון מיין הויז?
נאַכט וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיין האַרציקער סערענאַדע,
פאַרוויגט און לייגט צוקאָפּנס כאַלוימעס.
טויט ליגט פאַרבאָרגן אונטער מיינע נעגל.

ג

דאָס ליד איז מיין רעטעניש.
אַלץ אין מיר רייסט זיך צו דיר
אָ, אידיש ליד.
אין אַ ווינקל וואו שוויגט מיין אומעט פרעמד־שפּראַכיק,
פאַרלאָזט.
זיין ווינטערדיק פּאָנעם —
בלאַנק און ווייס,
בלאַנק און ווייס.

ווי קום איך אָפּרו און רואיקייט זוכן ?
יעדער באָדן, ווי סאַלאָמעאָס טעלער,
איז שטענדיק גרייט פאַר מיין קאָפּ.
היינט וויל איך אויסוועבן פון מיין האַרץ אַ נייע פּאָז,
היינט, מיין בראָוו לעבן, טראָג איך דיר אַנטקעגן
מיין צאַפּלדיק אידיש ליד.

שטאָלענע פליגל

א. לעיעלעסן

א

די מויערן פול מיט פאַרשווערונג און מיט שטאָלענע פליגל.
אין שויפענצטער מיין פאַנים, פאַנטאַסטיק אַרום.

נאָר דאָס ניט אויסגעבויטע הויז מיינס — אָן אַ דאַך
און דער הימל אַי גרייט, אַי באַשירעמדיק.

עס באַגלייטן מיין קאַפּריז סאַמע אויבנאָן
די אייביקע שטערן פון דאַ־און־דאָרט.

איך קוק, וואַרט און שטוין
און מעסט דעם גלאַנץ פון ווייטער ווייל.

ס'איז נאָענט און געטריי די אַל־ווינקלדיקייט.
און לעוואַנע פוצט מיין שלאָף. היט דעם גילדענעם ראָם.

נאָר די פאַרב לויט ווינטער איז ווייס,
און דער שניי איז גרינג.

ס'קלעטערט מיין בענקשאַפט אויף אָנגעצונדענע נאָטן.
דער מעסלעסיקער שאָטן קומט אַנטקעגן — פאַרקניפּט מיט נאַכט.

איך ווער ווידער שיקער מיט וואַגלווינט. זוך דיין ערגעץ־וואו.
בענטש כאַטש מיין שטויביקן הור־האָ, די שטאָלענע בלויקייט.

און מאָל מיט ליבשאַפט מיין כאָלעם פריי און גרינג
אויף אַ דאַך פון אַ לופט־לייכטער באַן.

ב

טאָג גריסט מײַן ברויט און פֿרישטיקט פֿאַרשלאָפֿן,
קאַמט זײַנע מאַגישע האָר,
שטיקלאַך און ברעקלאַך פֿון וואָר.
און אַנטקעגן מײַן טיר דער ברייווטרעגער
מיט שלאָף אויף די פּיס,
מיט באַגינען,
מיט ווערטער פּראָסטע, אַריפּמעטישע,
וועבט לופטיקע בריקן, הו־האַ פֿון דיר צו מיר,
פֿון מיר צו דיר.

דער ווינט שפּילט היינט אויף בלייענע צווייגן.

דאָס וואָרט אײַלט און בײַלט דעם טאָג מיט עמעס־שאַרפֿן.
רייסט אויסגעדאַכטן עלנט פֿון ווינטערדיקער שויב:
איך בין איינזאַם, איינזאַם, איינזאַם.
ס'טראָגט דער ווינט אַ קאַלטע האַנט — צו מײַן היציקן שטערן,
און אַלע רעדער־רייד אין ריטמישער געשריי!
אַזוי, אַזוי
די שטאָט איז אָנגעזייפט מיט שניי,
גרויזאַם קלאָר.
גיי און ווייס,
אַז אין יעדן אויג דער אייערבעכטן אַ ניט־פֿאַרגינער
שפּיזפּול און דול,
צעשטריקלט מײַנע פֿאַראַשוטן אַרויף און אַראָפּ,
אַרויף
און
אַראָפּ —
צווישן פֿלי און בלענד מײַן פֿאַלן.

כ׳בין צעדולט און צעבלענדט פון די טויזנטער געפאַרן.

מיך הייבט ניט אָן אַרן,
אַז די מייסע „רענדלאַך און רענדלאַך״ איז נול.
די עלאַקוועגץ פון אַ בעסוילעם־נאַקעטקייט
טרויעריקט אין אַלעמענס אויגן.
אַלץ איז ליידיק.
און איך בין קיינמאָל פול, פול, פול.
דער געבאָרגטער דרימל אויף מיינע אויגן
אַ לייטער צו מיין כאַלעם־באַלקאָן,
זאָל איך שטעלן אַלץ אין קאָן?
עס זינגט מיין סטענאָ מיר גוטמאָרגן אויס
קאַלט ווי שניי —
מיין שטאָטישער טראָפּיי.

ג

עס רעדט די גאַס די דראָטענע שפּראַך.

אין קאָפּ דער קאָקטייל קליגלט זיך
מיט אוילעמהאַזע.
און שפּעטער פירט מען זיך אַליין צו קוואורע —
אַבי די זינגעדיקע נאַכט רוישט ניט מער.

איך פלעכט פון רעגעס אַ פאַרביקן שטריק,
הוידע זיך אויף פינקלדיקע מויערן
און טייל שטיקער נאַכט מיין אייגענעם שאָטן,
באַגאַרטלט זיך מיט לעוואָנישע פּאַסן
(אויסגעליידיקט פון וואָר, פון רענדלאַך רייד),
אַבי די גאַסן רוישן
ניט מער.

דערווייל ווײנט דער קאָקטייל אויף בלייענע צווייגן.
ערגעץ־וואו סאָד פון אַלע סוידעס
הינטער אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן.
עס הענגט די לעוואָנע — אַן אויסגעכעשבענטער אַנאַנס,
איבער מיינע יאָרן.

נאָר איך שלינג דאָס וואָרט.

און די פּען זינגט אויס דעם עקסטאַטישן טאַנץ
פון מיינע פינגער.
שטאַרבט אָפּ אין מיר די שרעק.

ווערט גרינגער דאָס פּערפּענדיקולאַרע שטייגן צום הימל,
עס רעדט די גאַס די דראַטענע שפּראַך:
וואַך, וואַך, וואַך.

ד

עס וויגט זיך אַ מענטש יעדן אינדערפרי
אויף שטאָלענע פליגלען.
ווייסיכוואַס. איילעלולו. די מי
לאָזט זיך ניט פאַרוויגלען.

עס הוידעט זיך אַ מענטש אין אַ רעגע־וואָג
אויף גליב־גלאָביקע רעלסן.
ווייסיכוואַס מייסעלאַך. דער טאָג
לאָזט זיך ניט פעלשן.

שלינגט דער מענטש די שטאָלענע וויט,
דעם פלאַטער פון נעאָן־פאַרבן.
ווייסיכוואַס ניסעמלאַך. די צייט
לעקט אָפּ מיט כאָכמע־רייד אָפּגעשיילטן שאַרבן.

יאָ. עס זוכט דער מענטש אויף שטאָטישן אַספאַלט
אַ נאָווי אָן אַ גרויען מונדיר.
און לייטערט אויס די אויסגעבענקטע שאָ
וואָס זינגט פון אונדז:
פון מיר צו דיר,
פון דיר צו מיר.

צווישן שטיין און שטאָל

צייט שלינגט שטיקער שנעלקייט,
טראַציקט ווי אַ פאַרטריבענער קולאַק.
מיין יוגנט נאַקעט, צעטומלט, שוין לאַנג אַרויסגעוויקלט פון מאַמעשן ציטער.
הענגען באַהיטלטע קינדער־טעג — יאַפּאַנעזישע לעמפלאַך פול מיט ליכט,
אומגעריכט מיין קינדערשן בריק אויף פּיץ־פּיצלאַך צעריסן.

כ׳האָב דיך פאַרשפּילט מאַמע מיינע.
שוין פופצן יאָר, אַז איך טראָג אין זיך קריע-ריס,
אַ פיל ציינערדיקע זעג.
כאָטש גאָט שענקט מיר זיין טאָג,
אַ קלוימערשט גוט געוויקלטער ציגאַר,
טראָג איך דעם גזאַר פון לעבן
ווי סאַמבאָ זיין פּיסטויל — שטיל און היטנדיק.
(סאַמבאָ, דער לאַנג־יאָריקער טונקעלער וועכטער,
האָט געטראָגן אין זיך שטיקער נאַכט אין מיטאָקדיקע שטונדן.)

צווישן שטיין און שטאָל בלוטיקט אַלץ די וואונד.
אָט רינט אין מיר האַרבסטיקער עלנט,
און דעקט מיט שניי דיין שטיינערנעם געצעלט, דאָרט, דאָרט, — ווייט,
דאָס טעלערל פון הימל ליגט צעשמעטערט אויף מיין קינדערשן דאַך,
אומזיסט געזוכט אין יעדן שטריך פון מיין פּאָנעם — דיך.

דער שליאַך צו דיר איז ווייט און לאַנג, ציט זיך מיט פאַרמעטענער שטילקייט.
היינט ווילט זיך רעדן פון דיר,
נאָר פון דיר.
ס׳האָט דער טאָג פאַרצווילינגט מיין אַליינקייט
מיט אַ טרויער פון אַ געפאַנגענעם אָראַנגאוטאַנג.

דאָס ליד פון מילכמאָן

נעכט —
שוואַרצע בלעטער,
אַראָפּגעטרייסלטע פון צווייגן,
אין שטומען שווייגן
שפּרייטן סאַמעט־שלאָף אויף מיינע שויבן.
ס׳הויבן זיך אויף
פון ווייסע געלעגערס,
פּיבער־כאַלוימעס, צוזאַמענגעפּרעסטע,
דורך ווייסע גאַרדינען אויף טורעמס די העכסטע —
שטערן געקרוינטע, צעגליטע ראַקעטן
גלעטן
גרויען נעפּל
אויף גאָלדענע ווייזערס פון שטאָטישן זייגער.

שלאָגט אויס די שעה —
בין איך דאָ
אינם קאַראַהאָד:
ראָד
און טראָט
סקריפּען גרילציק איבער פּוסטע גאַסן.
אונטערגעשאָסענע פויגלען,
כאַלוימעס מיינע באַזיגטע,
פון ווינטן צעוויגטע —
ראַנגלען זיך אין וואָקל פון צעהילכטע רעדער.

מיינע מאָרגנס,
גרויע פלעקן אויף גרינע בוימער.

טרוימען ניט דערוואַכטע, דרימלען מידע
אויף טיר און טויער.
ס׳טאַנצט מיין שאָטן הילכיק אויף שטיגן הויכע
ביז צום העכסטן גאָרן.
ס׳פינקלט אַנטקעגן דורך די בלויע ספערן,
מאָרגנשטערן,
דורך טונקעלע קאָרידאָרן.

וויגט זיך שטום, מיט שווער געמיט
טריט אויף טריט
בלאַסער צאַר.
שאָטנס אויף קאַלטע ווענט,
פרעמד,
פאַרשעמט —
אין פינצטערן קאָשמאַר.

שאָען —
אויסגעבלייכטע ווי די מילך אין ווייסן וואָגן
טראָגן
איינגעשפּאַנטן יאָך צום גאָלדענעם פרימאָרגן.
הויף צו הויף, טיר צו טיר,
פערד און איך —
זאַלבענאַנד.
שאָטנס צוויי שפּינען ליכטיקן באַגינען.

צעשטראַלטע פענצטער.
שלאָף אויף צעוואַרעמטע בעטן.

צעקושטע פון נאַכטיקע גלעטן,
נאַקעט לייב אין ווייסן בלענד.

שורעסווייז, ווי בליטן, ווייסע הענט
עפענען טירן און צירן —

ווייסן כאַלעם מיינעם
אויף זייערע געגרייטע טישן.

נאַכטיקע שאָ

א

די ראַדיאָ שפּילט. די ראַדיאָ גילגלט.
די איינזאַמקייט שאָטנט, טאַנצט אויף מיין טיש.
און די נאַכט איז געצאַמט.
אין בוזעמקעשענע דיין בריוו רעדט פון ווייטקייט צו מיין האַרץ.
דער רויך פון אַ נאַכט־באַן אין מיינע אויגן.

האָב אויסגעדרייט אַלע לאָמפּן.
די נאַכטיקע שאָען הענגען ווי שוואַרצע פלוימען
אויף מיינע ליפּן.
אויפן ראַנד פון מיין בעט זיצט מיטנאַכט שלאָפלאָז
און מאָנט געטאָקטע רייד,
צוועלפזייגערדיקע צאַרטקייט,
ווייל די שטילקייט איינגעקנוילט צוקאָפּנס פאַרנויגט זיך פאַר מיין כאָלעם.
און מיין אַליינקייט, זיי וויסן,
זעגלט העפקערדיק צווישן שיפּאַנירטע זאַקן —
איבער צעוואָרפענע שיך.

ב

אַנהויב־פרימאָרגן קריכט מיט נאַקעטע פיס איבער די גאַסן.
אַ ביט אויסגעשלאָפענע לעוואָנע דרימלט אויף אַ מילכוואָגן
נעבן מיין הויז.
און אין שטוב איז ציכטיק און פוסט.
אַ שטילקייט שלאָפט אויף די גרינע גאַרדינען.
דער שניי —
איך וואָלט געשוואוירן, ווייסע בינען אויף די בוימער.
נאַכט ליגט צעריסן, צעפליקט אין אַ ווינקל.

דער טאָג, אַ שטיל־פאַרטראַכטער פריסטער
רייניקט און פאַרגיט די נאַכטיקייט אין מיינע אויגן.
ס'זינגט איצט די גאַסיקייט אין די ביינער.
קיין לאַסט איז מיר נישט אַזוי שווער — ווי די בענקשאַפט נאָך דיר.

ניצאָכן

א

מיך אַרט ניט,
דיינע אויגן גלאַנצלאָז,
נאָענט און פרעמד.
דיין טעלעפאָנרוף אַ געקייטלטער לאַמענט.

אַרום מיר שפרייט זיך ערעווזומער.
כאָטש
אַפּריל־ווינטן, באַזויפטע נעגער־פּיראַטן,
מאַנעווורירן גאַלמעסערדיק אין מיטן העלן טאָג
מיט זאַמד שטורעם.
מיינע שיך אין אַ זאַמד קאַפּעליע.

נאָר היינט
די וואָלקנס, דיסציפּלינירטע קריגער, באָמבאַרדירן
מיט רעגן
שאַרף און טיף.
פליט, פליט איבער אַלע פעלדער דעם פּאַרמערס ליכטיקער ציטער.
איילן זיך ערעוו־זומער טעג,
און קורצע נעכט,
גרייט אויפצוכאַפּן —
זומערס ניצאָכן.

ב

די לופּט הענגט מיט בליעכץ שמעקעדיק און קלאָר.
איבער דיינע טעראַסן ווינטיקט פּאַנענהויך
מיין ניצאָכן.
אַפּילע דער באַלעט־אַנסאַמבל, דער וויסער שניי,
טאַנצט ניט מער שפּיצפינגערדיק אויף דיינע דעכער.
דיין וואָלפּהונט, וואָס וואַכט פּערמאַנענט
אין דיין שלאָפּצימער,
(פאַר אים דיין לאַמענט, געקייטלטער לאַמענט)
ליגט מיט זיין לאַנג־רויטער צונג קעגן זון
באַטראַכט סיציליאַניש די נייע טאַנצמייסטערס:
די בלוי־מאָביליזירטע כוואַליעס, וואָס שפּרינגען
אומדערשראָקן
אין דיינע פּענצטער,
די פּאַראַייביקטע שאָטנס אויף געיאָרשנטע ווענט.

די לופּט הענגט מיט בליעכץ שמעקעדיק און קלאָר.
אַפּילע
די געצאַמטע בירגער, די בוימער פון דיין גרויסוואַלד,
אַמפּערן זיך וועגן דיין גורל —
דאָסמאָל מיט פאַרוואורף.
יאָ, יאָ, קאָסמיש וויכטיק זייער אורטייל.
איבער פאַראַדנע שוועלן איידל־געשוכטער דועט,
נישט אַנטילאָפּ גרינג, נאָר עלעפאַנט שווער.

דיינע פאַרמישפּעטע שאָען
וואַלגערן זיך אויף דיין אויסגעבּאַלמטער וועראַנדע,
שטרענג אַנטשלאָסן
צו
פאַלן
מיט דיר
אינאיינעם, אינאיינעם, אינאיינעם.

ג

האָב היינט מיינע פליגל פון בענקשאַפט
צעבּאַלעפּט.
פאַרגעסן דיין אומבאַרירטן פּאָנים.
דאָס צעוואָרפענע שפּילצייג — דיינע קרישקע ווערטער —
איז קיינמאָל נישט געווען גענוג.
די זיכערקייט דיינע איבער מיר איז אַ סאָף־כוידעש לעוואָנע —
פאַרלאָשן.

דיין וועג היינט אַ גראַדער, אַ באַלאַנסירטער.
מיטלייד בליט ניט אויף מיין שטאָלצן בוים.
איך פאַרגיב, געוויס — איך פאַרגיב,
דיינע האָגל־טריט.
דיין געקויפטע באַקלערטקייט
מעקט סיי־ווי נישט אָפּ די האַרטקייט
פון נאַקעטע וואכן,
ראַטעוועט ניט די ביטערקייט און מידן בליק.
עלטער טייסטערט פול אונטער דיינע אויגן,
פאַרגראָשנט דיין באַשייד.

ד

בּישט איך —
דער ווינט אַפּלאָדירט
אין אַ זומער טאָג,
דיינע האָגל טריט,
געניסט דעם פֿאַרבענקטן ציטער פֿון דיין פֿאַרטריבענעם וואונטש.
אין דער לופֿט פֿלאַטערט זיקאָרן,
פֿענטעט אומדערוואַרטע אָפּשייד־טריט.
איצט טונקלט באַמענלאָז דיין פֿאַרווירטער קוק —
אַליין, אַליין, אַליין.
דיין באַגלייטער, דערמאָנט אין מיין שאָכן־גאַלעך.
ער פֿאַרמאָגט גאָטספּאָרכטיקע כאָכמע, און
פֿוכוואַרעמען ווילן פֿון אויסקויפֿן, פֿאַרגעבן.
די יולי־זון פֿאַרגוואַלטיקט
די קאַלטקייט פֿון זיינע דעצעמבער יאָרן.
און דער רויך פֿון זיין ציגאַר
בּעפֿלט און פֿאַרהילט דיין אָפּאל פּאָנים.
נאָר דאָס טיכעלע דיינס טאַדלט מיט טרערן־רייד.

הינטער מיר קנאָספּעדיקע סינע.
אין דיין זוניקער היים אַ מאַוווזאָליי פּוסטקייט.
פּעטליע־נעכט, עלעגיש און הילפלאָז.
ציילט ציילט ניט דיינע קאָרעלן.

איך קען די פּרייד פון כינעזישע טעפּיכער,
ווייס די האַרטקייט פון שווער געמיט
אויף שטאָטישן אַספאַלט.
וואַקסט מיין גרויס־אויגיקע סינע
צו דיין בליענדיקער רונדקייט.
אָט זע — איך
אַן אומבאַפרייטער פון אַלע יאָכן,
פון אַלע אָלן,
צערוק די וואַרגנדיקע שטאָרן פון אַ לעצטן ראַנדעוואו,
און בין באַפרייט
פון דיר.

בלוטיקער אוראַגאַן

קיין צאַרטקייט אין מיין וואָרט היינט,
צאַרנדיקע פֿען עמיגרירט אַ ווייל אין כוצפּע־לאַנד.

מיט שטויב און אַנגסט
די קעלער טרעפּ צו דיין קאַלקוטאַ־טיר.
פֿיל קעפּיק־בלוטיקער אוראַגאַן הינטער מיר,
דו, פּאַטאַלער ריטער פֿריינט.

אין דיין בליק —
דיין צעבאַלעוועטע האַק.
דיין שווייגעניש, אייזערנער אינקוויזיציע־זאַק —
קיין ראַכמאָנעס אין מיין וואָרט היינט.

דיינע אויסגעוויילטע רייד,
פאַרשניצטע בליישטיפטן אויף אַ פאַרזיגלטן אַרכיוו,
טראָגן דעם סאָד פון געשפיגלטן טרויער — פּראָסטיקער העראָגליף,
מיין געדולד מיט בייזער אומרו — איך ברי;
פאַר מיר,
ווי פאַר דיר,
זינגט אומגעריכט אַ צעוואָרעמטער גראָזני —
דו, פאַטאַלער ריטער פריינט —
אַנקלאָג אין מיין וואָרט היינט.

דיין אויסגעבלאָסטער גאָט שפּילט מיט מילדער נייגער,
דיין גאָט איז אַ פאַראייניזאַמטער, געאירצטער דעספּאָט
פאַר דיר,
ווי פאַר מיר,
ווי פאַר אונדז אַלע.
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
אין פאַלצעטאָ טומל,
אין קאַפּאַטע־פּאַניק, דיין מיטנאַכט געוויין
איז אונטער פאַרדאַכט,
אַ, אומגלויב ווילדער,
פאַר גרויסמאַכיקן פּעדעסטאַל.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט

ווי מיליאָנען פֿאַר אים,
ווי מיליאָנען נאָך אים,
איז דאָס איינגל פֿאַרליבט אין דער נאַכט.
ער שטייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט
צו דער קלוגער לעוואָנע,
און מיינט ס׳איז דער מאַמעס פּאָנים — קלאָר און וואַרעם.
איצט מער ווי אַלעמאָל אַ נישט־געזעטיקטער,
אַ געבייטשטער,
זוכט ער אַ זינד־קאָליר צו פֿאַרבן זיין איינגלישקייט.
ער זוכט און קוקט,
און וועגט צעריסן לעבן, וואָס וויל ווערן
זיין אייגענער באַנאַפּאַרט,
אויף דער נאַכט־וואָג פֿון ליד.
זיכער וואָלט ער געקלעטערט אויף די העכסטע אַלפּן
צו קאָנען אַראָפּפּליקן פֿון הימל,
קאַראַט נאָך קאַראַט,
די אַריינגעזעצטע שטערן
און זיי אָנטאָן דעם ליד
צוזאַמען מיט די פֿונקען פֿון זיין לעבן.
דאָס לעבן איז בלויז רעגעסווייז ווי זוניקע שניפּסלאָך,
צעוואָרפֿענע אויף גראָזן.
דאָס וואָרט פֿון ליד ווינקט און זילבערט
און זעטיקט,
ווי לעוואָנעדיקע הייכן.

יונגצייטיקער

אַמאָך איז געזעסן אויפֿן ראַנד פֿון דער פֿרעמד
אַ יונגצייטיקער
מיט שטערנשטילקייט אין זיין בליק.
צום סאָף פֿון יאָר־איין־יאָר אויס
די בינטלעך קלעם צעצונדן,
אָפּגעשאָבן די איבעריקייטן פֿון צוריק,
און ביים שוועל פֿון דעם זיין
אָנגעשלאָגן אַ געשניצט שילדל:
איך,
אַמאָך דער אייביקער.

אקעגן זונפאַרגאַנג אין פולן כעשבן
מיט שאַטנס זיך צערעדט,
צערעכנט:
פאַראַן אַ שאָ אַזאַ,
וואָס איז אויסער זעאונג, ווי דער בליק
פון אַן ערשט געבוירן קינד.
פאַראַן אַ שאָ אַזאַ, וואָס איז אייביק
ווי די אומגעדולד פון אַ פאַרשפעטיקטן,
נאָר די שאָ האָט ניט קיין נאָמען.

בליט אין מיר שוין לאַנג די שאָ אָן אַ נאָמען.
נאָר צווישן מיר און נאַכט,
אַ זילבערנער וואָסערפאַל, דער טאָג.
שוין מאָל און מאָל געזילבערט מיין טוגנד,
מיט די טראָפּנס וואָס זענען פיל,
וואָס זענען אַלץ.
איך, אַמאָך, וואָש אַראָפּ פון זיך די סאָפיקייט.
איך, זוניקער,
אייביקער.

אינהאַלט:

שוואַרצע ווייזערס

בלומאַנטיק — 9
עוועניו בלוי — 11
פריידי־זין — 12
שנייאיקע טראַנען — 14
ווידער — 16
פאַרבלוטיקטער שירעם — 18
כוואַליעס — 19
שוואַרצע ווייזערס — 22
דרעמלענדיקע פינגער — 24
מיין דיידע — 26
יענקי זונטיקט — 28
סאַמבאַ רעדט — 31
סאַמבאַ זינגט — 33
סאַמבאָס ווידיע — 34
סאַמבאָס גרויוויל — 36
סאַמבאָס העספעד — 38
בלויע בריוו — 39

קאַלענדאַרישער כוילע

אין רוישיקן לאָשן פון יאַם — 46
ליידיקע פאַרק־בענקלעך — 48
אָקטאָבער — 51

קאַלענדאַרישער כוילע — 54
נאָוועמבער — 56
דעצעמבער — 57
קאַליפאָרניע — 58
ניי־יאָר — 60
אַ כאָלעם — 62

יונגזומער

אַפּריל — 66
זון אויף דיינע נעגל — 68
יונגזומער קלעטערט — 69
צווי עטיודן — 71
זאָל זיין געבענטשט — 72
עס איז זומער איצט — 77
זון און זאַמד — 82
אינדיאַנער זומער — 83

שטאָלענע פליגל

צו דיר, מיין לעבן — 86
שטאָלענע פליגל — 89
צווישן שטיין און שטאָל — 94
דאָס ליד פון מילכמאָן — 95
נאַכטיקע שאָ — 98
ניצאָכן — 100
בלוטיקער אוראַגאַן — 105
מיט אויסגעשטרעקטע הענט — 107
יונגצייטיקער — 108

געזעצט און געדרוקט אין גלאָבוס דרוקעריי • זיבעצן פֿיר און פערציק
נאָרט דיימען עוועניו, שיקאגע • אין יאָר ניינצן אכט און דרייסיק